לאָנדאָן-ווייטשעפּל        פעברואַר 1946        העפטל נומער 73

# לשון און לעבן

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No:- ~~L.6288~~ 870
LC. 1035/3

## אַטאָם-סאָנעטן

1

וואָס באָמבע־אויפרייס, וואָס האַרמאַטן־שאָס — —
אין מינדסטן, אין יעטווערן אַטאָם
אויפגעבראָכן ס'איז שוין דער תהום,
פון תוהו ובוהו און פון כאַאָס.

יאָ, אַז אַשמדאַי איז דער באַלעבאָס,
און יעדעם לאַנד רויבערישער סדום,
וואָס פונקן־טורעם, וואָס עראָדראָם — — —
עס וועט אייך העלפן פונקט ווי אָט־אָ דאָס!

אַזוילאַנג ווי ס'דויערט און ווי ס'איז
צווישן מענטש און מענטש דער בלוטיקער ריס,
מיט אַ ווערטער־שלייער בלויז איבערגעדעקט,

יעדער אַטאָם אָפענער תהום ווערט,
און ווי סדום יעדעם לאַנד איבערגעקערט,
אַז די גאַנצע ערד זאָל ווערן אָפּגעמעקט.

2

ס'קאָן דאָך גאָרנישט פאַרלוירן גיין,
דער שפּליטער נישט פון קלענסטן אַטאָם,
ס'איז דער כדור־הארץ אַזאַ שוואָם,
וואָס אַלצדינג אין זיך זאַפּט ער אריין,

טאָ קאָן דאָך אויך נישט אונזער געביין,
און דאָס בלוט, — כי הנפש הוא הדם! —
פאַרטיליקט ווערן פון די הענט פון חם,
און אויף אייביק אויפהערן צו זיין.

ווי מיט דינאַמיט אָנגעפילטער שרויט,
אויפגעריסן מיט חורבן און מיט טויט,
פון פאַרברענטן אַש יעטווידער מינדסטער שטויב,

און אויב ס'איז אַ גאָט פאַראַנען אין דער הויך,
וועט פון קרעמאַטאָריום-קוימענס דער רויך,
אויפגיין צו אים געלעסטער, נישט ווי לויב.

3

זעקס מיליאָנען פאַרקוילטע אויף אַש,
זעקס מיליאָנען אויפגעגאַנגען אין רויך,
נישט אָנצופילן פאַרפרעסענעם בויך
איז עס, און נישט פאַר „אויטשיזנע נאַש".*

אַ פול-אָנגעפילטע „ליידן-פלאַש" **
אויפצולייכטן שוין פאַרפינסטערטן מוח,
אָדער אויפצורייסן מיט ווילדן כוח — — —
לעצטער תוהו-ובוהו מיש-מאַש!

נישט אויף פאַרמעטן אַ מענטשלעכע האַנט,
נישט אַ „מנא תקל" אויף ליידיקער וואַנט,
אַ זעקס מיליאָנענדיקער פאַרקוילטער גוף, —

אַ גראַניט-פּיראַמיד אַ שטיק שוואַרצער קרייד! —
אויף הימליש צעוויקלטן ווייט און ברייט
האָט אויפגעשריבן זיין דראָענדיקן רוף.

4

ראָד אין רעדל עס דרייט די וועלט זיך,
מיט דורות-געיעג מיט קינד און מיט גרייז —
גלגלים אין אַ הימלישן געקרייז,
אין שווינדלדיקן אייליקן גיך.

איינער נ'צווייטנס פאַרביסענעם „איך"
איז ראָד אין רעדל מיט שטאָל-געבייס;
עס קריצן די ציין, מיט בייז און מיט דערלייז,
פון שטן-משחית און פון משיח — — —

* דער פוילישער פּאַטריאָטישער באַגריף פון „אונזער פאָטערלאַנד".
** אַקומולאַטאָר.



אַז נישט ווערן ס'זאָל פלוצלינג אָפּגעשטעלט,
רעדל אין רעדל דרייענדיקע וועלט,
מוז איבער קוילעך ערד, — איבער מאָטאָר ראָד. —

יאָגן אָנאויפהער אונזער זידיק בלוט!
אַז אייביק דער קאַמף צווישן שלעכט און גוט — —
אַז אייביק דער דויער פון רשעות און גנאָד. — — —

5

אייביק איז אונזער דויער, ווי די וועלט,
און ווי זי געהייליקט און פאַרשוועכט,
ווייל פונקט ווי גנאָד קאָן רשעות זיין עכט,
און פונקט ווי רשעות קאָן גנאָד זיין פאַרשטעלט.

דערפאַר תליות איבער דער וועלט צעשטעלט,
און דאָס געקוילע און דאָס געשעכט,
ווייל די שליאַדעס פון גוט און פון שלעכט
פירן צו דער שוועל פון זעלבן געצעלט.

אָ, אַז מיר זיינען געווען אויסדערוויילט,
קערנער פון פּלעוועס ווערן אָפּגעטיילט,
אויף ווינד-שאַוול אין וועלט געוואָרפן צו זיין,

זיינען מיר אָבער אויך דער אַטאָם-שפּאַלט,
ווען גוט און שלעכט אין צווייען צעפאַלט,
און דערלייזט ס'ווערט די וועלט, געהייליקט און ריין.

6

אַז מיר האָבן אויסגעהאַלטן ביז איצט — —
אָ, ווי פון אַ קרבן וואָס געברענגט
און די פיר מזבח-ווינקלען באַשפּרענגט,
ס'איז גאַנצע ערד מיט אונזער בלוט באַשפּריצט.

אָ, נישט קין'ס פון רציחה צעהיצט,
ווייל נישט אָנגענומען וואָס געשענקט,
און אַלץ וואָס געדענקט און געבענקט,
אַ קין-צייכן אויף שטערנס צעקריצט — — —

זאָל דאָך אונזער נע־ונד־זיין נישט זיין,
לעצטער דור איצט טויט אקיינען צו גיין — — —
אָ, דאָס דורות־געיעג מיט גרייז און מיט קינד!

זאָל דאָך דאָס־אָ קענען זיין אונזער טרייסט:
עס ווערט די גאַנצע וועלט איצט אויסגעלייזט,
ווייל מיר האָבן אויסגעהאַלטן ביז אַצינד.

7

אַז בענקעניש, אַז געדאַנק, אַז וואָרט
זאָל קאָנען איבערגיין פון דור צו דור,
מוז עס זיין גורלדיק לעצטער וואָר,
פון מיליאָנען לעבנס אָפּגעשפּאָרט;

מיט טויט געזיוויגט, מיט מאָרד געפּאָרט,
אויסגעכאָרכלט מיט גוססדיקן כאָר — — —
געווינט-שאָוולטע בלויזע פּלעווער נאָר,
פאָרמול און פאַראָל העכסטער רעקאָרד.

פונקט ווי קרייזנדיקער עלעקטרי־שטראָם,
און ווי אַן אויפגעבראָכענער אַטאָם,
וואָרט, אויפגעציטערט פאַרבענקט און פול געדאַנק.

אין אַן אות, אין קוצו של יוד דערפון,
קרייזט אויפגייענדיקע ליכטיקע זון,
מיט פאַראייביקט פאַרבלוטיקטן אונטערגאַנג.

א. נ. שטענצל

## הרב דוב ווארשאווסקי

# פארוואס האבן אלע אונז פיינט?

געווידמעט דער „יונייטעד ניישאָנס" קאָנפערענץ אין לאָנדאָן

„פאַרוואָס האָבן אונז אַלע פיינט?" — די דאָזיקע פראַגע איז שוין אַזוי אַלט ווי דער יידישער גלות איז אַלט, און די אַלע תירוצים און ענטפערס זיינען אויך אַזוי אַלט ווי די פראַגע איז אַלט. אָבער די פראַגע בלייבט נאָך אַלץ אַ פראַגע און דאָס רעטעניש איז נאָך אַלץ נישט געלעזט.



אמת איז, אַז די סאָציאַלע אונגלייכהייט און דער קלאָגנעדיקער עקאָנאָמישער מצב אין דער וועלט, איז דער טרעגער און פאַרשפּרייטער פון די באַקצילן פון אַנטיסעמיטיזם, אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלעס. די סאָציאַלע אונגלייכהייט איז בלויז אַ קאָנסעקוווענץ, אַ גורם פון אַן אַנדער צושטערנדען כוח אָבער נישט די סיבה זעלבסט. עס שיינט מיר אויך צו זאָגן, אַז אפילו אַ ש ט י ק ל א ו י ט אָ נ אָ מ י ע ארץ ישראל (ווי עס ווערט געפּלאַנט...) וועט אויך נישט הינדערן דעם יידן־האַס. דער טערמין „אַנטיסעמיטיזם" וועט נאָך אַלץ בלייבן פריש און לעבעדיק... די סיבה פון יידן-האַס, איז אַ פיל טיפערע ווי מיר שטעלן זיך פאָר.

די פראַגע איז נישט, „פאַרוואָס האָט מען פיינט יידן?" — נאָר פאַרוואָס האָבן זיך מענטשן פיינט? — דעם ענטפער אויף דער פראַגע גיט אונז די יידישע תורה (טייטש לערע), די יידישע פילאָזאָפיע. אין תוך גענומען ווערט יעדער מענטש געבוירן מיט נידריקע און שלעכטע אינסטינקטן ווי אַ חיה—ועיר פרא אדם יולד, איוב יא. פון נאַטור איז דער מענטש גענויגט צו רייסן, צו ברעכן, צו רויבן צו ווערגן און צו מאָרדן. און פונקט ווי דאָס קינד, ווערט געלערנט, אַז מען טאָר נישט רייסן און מען טאָר נישט ברעכן, אַזוי דאַרף מען, אָן אויפהער, אויך לערנען דעם דערוואַקסענעם מענטש ביזן טויט אַריין, אַז ער זאָל נישט טון קיין רשעות דעם צווייטן. דעריבער האָט אונז די תורה גלייך ביים אָנהויב אָנגעזאָגט: „דו זאָלסט נישט גנב'ענען, נישט רויבן, נישט מאָרדן, נישט שקר'ן" (שמות כ'). דאָס איז דער אלף-בית פון דער דערציאונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.און דאָס דאָזיקע מוז געלערנט ווערן יעדן טאָג און יעדער שעה. און דער וואָס פאַרגעסט אין דעם דערמאָנטן, און ווערט אַ חיה זאָגט מען אים: „ווער עס פאַרגיסט יענעמ'ס בלוט דאַרף באַצאָלן מיט זיין אייגן בלוט". (שופך דם האדם באדם דמו ישפך בראשית ט.) „ אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַ בייל פאַר אַ בייל" — כאשר עשה כן יעשה לו, שמות כא. דאָס איז ליידער די טרויעריקע רעאַליטעט פונם מענטש, פון דער בריאה. און ווי רעאַל עס איז דער מענטש מיט זיין איינגעבוירענער רשעות, אַזוי איז אויך רעאַל און אמת די תורה מיט איר מעטאָדע פון לערע, וואָס דאַרף דעם מענטש דערציהען און אויפברענגען אים אַלס אַ פאָלקאָמען און פּראָדוקטיוון שותף צו דער בריאה.

דער מענטש מוז זיך צום ערשט צוימען און באַצווינגען; צוימען זיינע עגאָאיסטישע, פאַרכאַפּערישע און הערשענדע געפילן, און באַצווינגען זיינע חיה'שע אינסטינקטן. דער מענטש מוז זיך לערנען, דורך מורא, אָפּצוהיטן יענעמס אויג און צאָן און רעספּעקטירן דאָס לעבן פון צווייטן. אין קעגנפאַל, מוז ער פאַרלירן זיין אייגן אויג און צאָן, און אָפּטמאָל אויך זיין לעבן...! דאָס איז דער הויפּט יסוד פון לעבן. אַנדערש קען די וועלט נישט עקזיסטירן. מ'קען נישט גלייך פון העלער הויט אַרויסגיין און פּאָפּוגאַיעווען וועגן „ליבע" און „רחמנות"! עס איז אַ ליגן, אויב מען באַזיצט רשעות קען מען נישט ליבן

און נישט האָבן קיין רחמנות! דער מענטש איז נאָך ווייט פון דער שטופע! דעריבער האָט הלל הזקן פאָרמולירט דעם „ואהבת לרעך כמוך“ ויקרא י"ט, אין נעגאַטיוון זין, אויף איין פוס: „דאָס וואָס דו האָסט נישט ליב טו נישט דעם צווייטן“, (שבת ל"א). דאָס איז די גאַנצע תורה און גאָר. דאָס איבריקע וועט שוין קומען במילא. נאָך אַזאַ דערציאונג וועסטו אויך צוקומען צום „ואהבת לרעך“, צו ליבע און רחמנות, וועלכעס איז דער תכלית און ענד־ציל פון דער בריאה. און דאָס איז דער כלל פון „סור מרע—ועשה טוב“ תהלים לד; פריער מוז מען אויסברענען דאָס רשעות, דעם עגאָאיזם, דאַן ערשט קען מען אָנהויבן צו טאָן גוטס און צו שאַפן פּאָזיטיוועס, אין קעגנטייל, הייסט געזייט אויף דערנער; געגאַרט זיך און גענאַרט יענעם... און אום כדי אויסצוברענען די רשעות מוז מען באַזיצן ענערגיע און מוט און דאָס קען מען נאָר דאַן באַזיצן, ווען מען האַסט די רשעות...!

קורץ רעזומירט: די שיטה פון יודאַאיזם לערנט אונז צו גיין און אַרבעטן פּאַמעלעך אָבער זיכער און גרינדלעך. מען מוז צייטנווייז אָפּרוימען פון וועג אייניקע דערנער, שלעכטע ברואים, כדי אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל לעבן אין זיכערקייט און פּראָספּערירן. דאָס מיינט, אַז משיח איז נאָך אויף דער וועלט נישטאָ; די מענטשהייט איז נאָך נישט ראוי צו דעם. מיר דאַרפן צום ערשט שטאַרק און שווער אַרבעטן, כדי מיט אונזערע אמתע גוטע מעשים משיחן באַשאַפן...

---

איז מיט יאָרן שפּעטער געקומען דאָס קריסטענטום און האָט געזאָגט ניין, ס'איז נאָך נישט גענוג, מ'דאַרף פאַרבעסערן—און האָט אויסגעבעסערט. עס איז ווייניג, זאָגט דאָס קריסטענטום צו „ליבן דעם חבר“, נאָר מען מוז אויך „ליבן דעם שונא“. אַן אויג פאַר אַן אויג“? — ניין, עס איז נישט שיין, און האָט אויסגעבעסערט: „ווען מען דערלאַנגט ד״ר אין איין באַק זאָלסטו אונטערשטעלן די צווייטע באַק“. דו זאָלסט פאַרגעבן דעם שלעגער און מוחל זיין דעם מערדער...

די דאָזיקע מאָראַל און שיטה פון קריסטענטום, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון „ליבע“ פון „פאַרגעבונג“ איבער אַלעס, אין פאָדערגרונד פון דער מענטשלעכער און געזעלשאַפטלעכער דערציאונג, פאַרזעענדיק דעריי די ווירקלעכע רעאַליטעט פון דעם מענטשנס איינגעבוירענע רשעות; דאָס קריסטענטום, וועלכעס האָט דעם מענטש מיטאיינמאָל, אָן שום הכנות, געטון אַ הויב אויף פון זיין חיה'שער נאָרע צו דער מדרגה פון אַ „משיח“, צו אַ „הימל-מענטש“, און האָט דעם מענטש געהייסן צו „ליבן“ און „פאַרגעבן“ אין דער צייט, ווען ער איז גאָר נישט בכוח און קען גאָר נישט ליבן און פאַרגעבן, בפרט נאָך צו ליבן אַ שונא און צו פאַרגעבן אַ מערדער...! אָט דער געוואַלדיקער הימל־שפּרונג האָט פון דעם מענטש געמאַכט אַ קאַריקאַטור, אַ מאַלפּע...! דער מענטש האָט מיט דער קריסטלעכער לערע פאַרלאָרן דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס און איז געוואָרן „אַן עורבא פורח



באַוויר“. דער מענטש און די גאַנצע וועלט האָט אין ליכט פון דער קריסטלעכער לערע פאַרלאָרן איר רעאַליטעט, איר אמתקייט. דער מענטש האָט אָנגעהויבן אַרומגיין מיט גאוה און חזרן די פּוסטע פראַזן: „ליבע“, „רחמנות“, „מחילה“ און געמאַכט זיך צום נאַר און יענעם, אַז ער הויבט גאָר נישט אָן צו וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס....

די קריסטלעכע שיטה, וואָס זאָגט, אַז משיח איז שוין געקומען אויף דער ערד, און די מענטשהייט איז שוין „כמעט“ ווי „אויסגעלייזט“, האָט איינגעליינט דעם גדר, דעם צוים אַרום דעם גן־עדן התחתון און האָט דערמעגלעכט פאַר די פאַרשיידענע שווינדלער און שטאַרקע אַריינצוגיין אונגעשטערט אין וועלט־גאָרטן און צעטרעטן דאָרט די בלומען...!

אין קעגנזאַץ צום יודאַאיזם, וואָס זאָגט, אַז דאָס פאַראַנענע, דאָס רעאַליטישע אין מענטש, דאָס רשעות און שקר מוז אויסגעריסן ווערן פון אים, און דער עיקר איז די אידייע, דאָס גוטע, דאָס קומענדיקע, דאָס משיחיזם, וואָס וועט פאָלגן שפּעטער, — האָט להבדיל דאָס קריסטענטום אַוועקגעליינט דעם כלל, אַז דער דאָאיקער מענטש מיט אַלע זיינע חסרונות, איז דער משיח־מענטש, און אַזוי אַרום געמאַכט פון דער רעאַליטעט פון רשעות און שקר — אַן אידייע...! דער שקר און אָפּאָרטיוניזם, אַנדערש געזאָגט, די פּאָליטיק איז געוואָרן דער „רעאַליזם“ און „אמת“ פון דער געזעלשאַפט...! מער האָט מען נישט געדאַרפט, די שווינדלער און די פּיפּיקע חברה־לייט האָבן די שיטה אויסגענוצט אין פולן...

פאַרטראַכט זיך נאָר גוט, אַז אויב יעדער באַגאַנגענער פאַרברעכן ווערט פאַרגעבן (דער גלח פאַרגיט שוין אויף אַלע זינד...), פאַרקערט מען ווערט נאָך באַלוינט מיט „ליבע“ פון דעם געשלאָגענעם, איז אַוואונדער, אַז די רשעות האָט זיך צושפּילט און צעוואָקסן?! דער שטאַרקער שלאָגט און שרייט נאָך צום קרבן, פאַרגיב! זיי מוחל! אויב דו וועסטו וויינען וועסטו כאַפּן מער קלעפּ! די קריסטלעכע שיטה האָט פּראָדוצירט דעם טיפּ פון „דר. זשעקל און מר. הייד“, וועלכער איז בייטאָג אַ דזשענטלמען און ביינאַכט — אַ רויבער, אַ מערדער...! און די קאָנסעקווענצן פון דער שיטה פילן מיר יידן, די שוואַכסטע פון די שוואַכסטע — אממיינסטן. ווען די חיה'שע און אַנטיסעמיטישע הידרע הויבט אויף די האַק איבערן קאָפּ פון ייד — שווייגט די וועלט, וויל ס'איז דאָך קעגן דער קריסטלעכער מאָראַל צו שטראָפן די רשעות, אָן אַנטיסעמיט, און שפּעטער ווען די הידרע האָט שוין דערליידיקט איר קרבן, דעם ייד און דער מערדער קומט פאַרן משפט שרייען דאַן די „פרומע קריסטן“:— „מען זאָל פאַרגעבן און מוחל זיין די רוצחים“! דעם בעסטן פאַקט האָבן מיר דאָך פון דעם רוצח פראַנק, וועלכער איז לעצטנס אַריבער צום קאַטאָליציזם. מילא, דער מערדער האָט געמיינט, אַז דער אַלטאַר פון וואַטיקאַן וועט אים ראַטעווען, אָבער ווי שעמט זיך דאָס נישט די „אמונה“ פון ישוע הנוצרי צו אַרונטערנעמען אונטער אירע פליגל אַזאַ רוצח ווי פראַנק, וועלכער האָט אויס־

געקוילעט דאָס פוילישע און מזרח ייִדנטום...! מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, וואָלט ישוע הנוצרי מיט זיין חבריה, אויפגעשטאַנען און געזען וואָס זיי האָבן דאָ אויפגעטון, וואָלטן זיי אָנגעשפּיגן פולע פּנימער זייערע קריסטלעכע אָנהענגער, ווייל סוף כל סוף איז דאָך איז זייערע אָדערן געפלאָסן ייִדיש בלוט...

ווייל דאָס קריסטענטום איז געבויט נישט פון אונטן אַרויף, נאָר פון אויבן אַ ראָפּ; נישט פון יסוד נאָר פון דאַך, און איז נישט רעאַל, נישט אמת. דערפאַר האָט טאַקע די וועלט אַזאַ פּנים. דערפאַר זעען מיר טאַקע וואָס פאַראַ „הייסע ליבע" עס הערשט צווישן די פעלקער. פאַר איין אויג נעמט יענעם אַרויס צוויי אויגן. און וועגן אונז ייִדן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. איך פאָדער גאָרנישט זיי זאָלן אונז ליבן נאָר לכל הפחות זאָלן די פעלקער אַרויסווייזן צו אונז דעם געפיל פון „ליב דעם שונא". על כל פּנים זיינען מיר ייִדן דאָך נישט ערגער פון סתם אַ „שונא", אָן אודאי נישט ערגער פון דעם „שונא דייטשלאַנד" ?... דאָס אויך נישט. אַלזאָ די דאָזיקע משונהדיקע לאַגע ברענגט צו טראַכטן נאָך ווייטער און טיפער...

---

עס איז אָנצונעמען, אַז דער באַוואוסטער שאול התרשי (באַקאַנט א.נ. סענט. פּאַאולס), וועלכער האָט אָוועקגעטראָגן די „תורות" פון ישוע פון נצרת (אויב זיי זיינען ווירקליך געווען אַ פאַקט...) צו די דאַמאָלסטיקע געצן־דינער און איז אַזוי אַרום געוואָרן דער באַגרינדער און זייל פון קריסטענטום, און איז ווי באַוואוסט געווען אַ מענטש מיט גרויסע אַמביציעס צו מאַכט און רום, און ועל כולם, אַ שטאַרקער „נוקם ונוטר" — האָט וואַרשיינלעך פיל מיטגעווירקט צו דעם ייִדן־האַס. ס'איז צו גלויבן, אַז מיט דער זעלבער פאַרביסנקייט, ווי שאול התרשי האָט פריער געראָדפט ישוע הנוצרי און זיינע אָנהענגער, אַזוי האָט ער אויך מן הסתם מיט דער זעלבער עקשנות געזוכט צו נוקם זיין זיך אָן די ייִדן נאָך יעזוסעס טויט....

עס איז מער ווי זיכער, אַז שאול התרשי, האָט איבערגעוואונען די געצן־דינער אויף זיין זייט נישט דורך איבערצייגונג פון „ליבע" און רחמנות, נאָר דורך שנאה און האַס צו די ייִדן, וועלכע זאָלן האָבן, כלומרשט, געקרייצט יעזוסען. און הגם יעזוס איז אַליין געווען אַ ייִד דאָך איז דאָס שוין געווען אַגענוגענדער גרונד פאַר די געצן־דינער, וועלכע האָבן אויך דאַן געהאַט שטרייטן מיט דער ייִדישער מלוכה, צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון אינצידענט און אָנפירן אַ קאַמפּאַניע קעגן די ייִדן. (למען האמת מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אומאָפּגעזען פון די היסטאָרישע פאַקטן, אַז לויטן ייִדישן דין איז פאַרווערט צו אויספירן אַ פּסק־דין פון מיתה דורך „קרייציקונג", וועלכעס איז געווען דער מנהג פון די רוימער...)

אַלס באַגרינדונג צו אונזער השערה קען דינען אַלס פאַקט און באַוויז דער „צלם", וועלכער איז דאַן פון אָנהויב אָן פאַרקערפּערט געוואָרן אַלס דער סימבאָל פון קריסטענטום; דער צלם, וועלכער שטעלט פאַר ווי יעזוס הענגט



אַ געקרייציקטער און בלוט רינט פון זיינע הענט און פיס. ערשטנס, מוזן מיר זאָגן, אַז פאַרהייליקן אַ שטיק האָלץ און דינען צו דעם איז זיכער געווען אַ מנהג פון די געצן־דינער. און צווייטנס, וועט מיר טאַקע אימיצער איינרעדן, אַז אַ געקרייציגטער יעזוס אויפן „צלם" האָט טאַקע געקענט דערוועקן ביי די ווילדע געצן־דינער געפילן פון „ליבע" און „רחמנות"...? בפרט נאָך, אַז זיי האָבן געזען דעם שולדיקן דעם ייִד...? קען דאָס געמאָלט זיין? מער לאָגישער און שכלדיקער צו דענקען איז, אַז גראָד אומגעקערט, אַז דאָס בילד פון „צלם" מיטן צעבלוטיקטן יעזוסן האָט געבריט אין די געצן־דינער-הערצער באַקצילן פון האַס, פון שנאה, פון נקמה און אכזריות צו די ייִדן און ביי דעם זיינען זיי פאַרבליבן. (דער פאַקט איז, אַז די פּראָטעסטאַנטישע קירכע האָט זיך טאַקע געשעמט מיטן „צלם" און האָט אים אָפּגעשאַפט...) און אַזוי האָט זיך דאָס געוויקלט און אַנטוויקלט, יאָר נאָך יאָר, דור נאָך דור באַגלייט מיט אַזעלכע עפּיטעטישע פּזמונים: „אָ, יעזוס מאַרטיר!", „אָ יעזוס ליידענדער!" און וועמען האָבן זיי אין זינען בעת מעשה (נאַטירלעך נישט צום גוטן...)?

— דעם ייִד! און די רעזולטאַטן ווייסן מיר דאָך: די קרייץ־צוגלער האָבן געצאַפּט אונזער בלוט; די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט אונז געברענט און געבראָטן; פון די פּולפּיטן פון די צאַרישע צערקווס און פּוילישע קלויסטערס האָבן גלחים געפּרעדיקט האַס און שנאה צו ייִדן, אַזוי, אַז ייִדן האָבן מורא געהאַט צו באַווייזן זיך אין אַ קריסטמאַס-נאַכט אין גאַס... לויטן יעזואיטישן כלל: „דער צוועק כשר'ט די מיטלען" זיינען אויף אונז ייִדן אויסגעטראַכט געוואָרן עלילת-דם און אַנדערע שענדלעכע בלבולים, כדי אויסצוזאַפּן פון אונז דאָס בלוט. און אַזוי כסדר ביז די לעצטע שרעקלעכע שחיטה פון 6 מיליאָן ייִדן דורך דעם „ליבענדן„ קריסטלעכן דייטשלאַנד...! און זיין מערדערישן פּלאַן האָט היטלער געקענט אַ דורכפירן טאַקע מיט דער דירעקטער און אונדירעקטער מיטהילף פון די אַנדערע קריסטלעכע פעלקער, וועלכע האָבן געזען די געלעגנהייט צו פּטור ווערן פון די „זינדיקע" ייִדן...!

אדרבה, האָבן מיר ווען עס איז געהערט דעם געהעריקן פּראָטעסט קעגן די פּיינונגען און רציחות אויף ייִדן פון די מיילער פון די פירער פון קריסטענטום, און גאַנץ באַזונדערס, פון דעם „הימל"-מענטש אין וואַטיקאַן...?! — ניין! זיי שווייגן עקשנותדיק און קוקן צו מיט אַ באַהאַלטענער פרייד ווי ייִדישע טאַטעס און מאַמעס און קינדער ווערן אויסגעראָטן... איך בין מער ווי זיכער, וואָלט די קריסטלעכע היעראַרכיע מיטן פּויבסט בראש געוואָלט און געמיינט אמת וואָלטן זיי שוין לאַנג געקענט מאַכן אָן ענדע צום אַנטיסעמיטיזם און צו די ייִדישע צרות. דער תירוץ איז זיי ווילן נישט... און נאָך איז די „ליבענדע" קריסטלעכע וועלט נישט אָנגעזעטיגט מיט ייִדישע בלוט און פאָדערט נאָך און נאָך...

די זעלבע פּזמונים הערן מיר נאָך ווייטער אין די טשערטשעס און אין ראַדיאָ: „אָ, יעזוס מאַרטיר!", „אָ, יעזוס געקרייציגטער!" און אַז אין אַלע־

מען איז שולדיג דער ייד, וועלכער שטערט צו דער „אויסלייזונג“ פון דער מענטשהייט...

און זאָלן מיר דאָ טאַקע זאָגן אָפן: אָ, איר פעלקער פון דער וועלט! בעטס נישט ביי אונז קיין דאנקען פאַר אייערע „גוטע מעשים“ און רעטונג צו אונז, ווייל איר האָט אונז נישט געראַטעוועט, אונזערע טאַטעס, מאַמעס און קינדער זיינען אומגעקומען מיט מיתות משונות! פאַרלאַנגט נישט פון אונז קיין ברכות דערפאַר וואָס איר לאָזט אונז לעבן — מיר וועלן זיי אייך נישט געבן, ווייל מיר לעבן נישט אין אייער זכות! און כל זמן איר פעלקער וועט פרעדיקן און טאָלערירן יידן־האַס און שנאה צו אונז דאַן איז אומזיסט אייער טרחא, קיין געפיל פון ליבע און רחמנות וועט הערשן אין אייער מחנה! אייער קריסטלעכע מאָראַל און שיטה ליגט דאָך צושמעטערט ביי אייערע פיס! אַמווייניקסטן האָט איר דאָס רעכט צו קומען און לערנען אונז מוסר און מאָראַל! נישט איין יידישע מאַמע און טאַטע האָט דאַן מיט עטלעכע וואָכן צוריק געווישט די טרערן, ווען זיי האָבן געלייענט אין די צייטונגען, ווי אַ קינד, אַ קריסטלעך קינד וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער באַן קאַטאַסטראָפע ליגט אין שפּיטאָל און רופט: „מאַמע“, „מאַמע“... און די מאַמע איז שוין געווען טויט... יאָ, נישט איין יידישער טאַטע און מאַמע האָט געוויינט איבער אַן אומגליקלעך קריסטלעך קינד... אָבער איר, איר קריסטלעכע „בעלי-רחמנות“ און „ליבע-מענטשן“, איר קריכט אַריין מיט אייערע נעגל אין אונזערע הערצער און מאַכט חוזק פון אונזער אומגליק, איר זאָגט, אַז נאָך ווייניק יידישע טאַטעס און מאַמעס און קינדער האָבן די דייטשן אויסגעשאָכטן! ניין, נישט איר זענט באַרופן צו שטראָפן אונז! אייער וועלט איז דאָך פול פון האַס און שנאה, פון רויב און מאָרד! איר פאָדערט פון אונז מיר זאָלן פאַרגעבן די מערדער פון אונזער פאָלק, איר ווילט אונז מיט געוואַלד אָנצווינגען אייער דורכגעפאַלענע קריסטלעכע שיטה, אָבער איר אַליין ראַטעוועט זיך אַ דאַנק אונזער יידישע תורה פון „עין תחת עין“, און ווען נישט טאַקע די מורא, אַז פאַר געבן אין באַק וועט מען געבן צוריק, וואָלט דאָך די וועלט שוין לאַנג חרוב געוואָרן...!

פעלקער! נישט פון ליבע און פון רחמנות זענט איר זיך צונויפגעקומען קיין לאָנדאָן צו ראַטעווען דעם „שלום“ — נאָר געטריבן פון דער שרעקונגס־געפאַר פון דער אַטאָם־באָמבע! (ווי מיניסטער בעווין האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין רעדע אויף דער קאָנפערענץ, סטאַר, 17 יאַנו.) און כל זמן פאַשיזם (ווי מען רופט דאָס), און אַנטיסעמיטיזם וועט זיין דערלויבט אין דעם דעמאָקראַטישן ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער און איר וועט דאָס נישט אויסראָטן גלייך ביים אָנהויב (טאַקע ווי מר. בעווין אַליין, האָט ערקלערט אין דער זעלבער רעדע: „באַקעמפן אַגרעסיע מיט די ערשטע סימפּטאָמען...) — טאָ וועלן אייך נישט העלפן קיינע קאָנפערענצן פון „יונייטעד-ניישאָנס“, און די וועלט וועט דערטרונקען ווערן אין איר אייגענער שנאה און רשעות!!!



# ספר טוביה*

## קאַפּיטל א.

דאָס איז דאָס ספר פון די ווערטער פון טוביה בן טוביאל בן חננאל בן עדואל בן גביאל, אויס דעם זאָמען עזיאל, פון שבט נפתלי; וואָס איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט אַריין אין די טעג פון שלמנאסר, מלך אשור, אויס תשבי, וואָס ליגט אויף רעכטס פון קדש נפתלי, אין גליל איבער אשר.

איך טוביה בין געגאַנגען אין די דרכים פון אמת און גערעכטיקייט אַלע טעג פון מייל לעבן און האָב געטון אַ סך צדקה פאַר מיינע ברידער און מיין פאָלק, וואָס זענען געקומען מיט מיר קיין נינוה, אין דעם לאַנד אשור. און ווען איך בין געווען אין מיין אייגן לאַנד, אין ארץ ישראל, בעת איך בין געווען יונג, האָט דאָס גאַנצע שבט נפתלי זיך אָפּגעשיידט פון דעם בית־ירשלים, דאָס אויסדערוויילטע פון אַלע שבטים פון ישראל, אַז אַלע שבטים זאָלן דאָרט מקריב זיין קרבנות, און דאָס בית־המקדש, אין וועלכן דער אויבערשטער האָט געוווּנט, איז געוואָרן געהייליקט און געבויט לדור ודור עד עולם. און די אַלע שבטים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשיידט, האָבן צוזאַמען געבערענגט קרבנות צו דער קו-בעל, און אויך דאָס הויז פון נפתלי מיין פאָטער. און איך אַליין פלעג אַ סך מאָל עולה־רגל זיין אויף די ימים־טובים קיין ירושלים, ווי עס שטייט געשריבן פאַר כל ישראל אין דעם אייביקן געבאָט, און געהאַט מיט מיר די ביכורים און די מעשרות פון תבואה, און פון די ערשט־געשוירענע (בהמות); און איך האָב זיי געגעבן צו די כהנים, די בני־אהרן, ביים מזבח. און מעשר פון אַלע תבואות האָב איך געגעבן צו די בני־לוי,, וואָס דינען אין ירושלים; און מעשר שני פלעג איך פאַרקויפן, און גיין און דאָס אויסגעבן יעדעס יאָר אין ירושלים; און דעם דריטן (מעשר עני) האָב איך געגעבן צו וועמען עס האָט געהערט, ווי דבורה, מיין פאָטערס מוטער, האָט מיר באַפוילן, מחמת איך בין איבערגעבליבן אַ יתום נאָך מיין פאָטער. און ווען איך בין געוואָרן אַ מאַן, האָב איך גענומען חנה'ן פאַר אַ ווייב, וואָס זי איז געווען פון דעם זאָמען פון אונזער משפחה, און האָב געבוירן פון איר טוביתן. און ווען מיר זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט קיין נינוה, האָבן אַלע מיינע ברידער און אַלע פון מיין שטאַם געגעסן דאָס ברויט פון די גוים. איך אָבער האָב מיך אָפּגעהיטן נישט צו עסן; ווייל איך האָב געהאַט גאָט אין זינען מיט מיין גאַנץ נפש. און דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן חן

* דער ספר טוביה געהער צו די כתובים־אחרונים. עס באַהאַנדלט אין אַ קינסטלעריש־ביבלישן סטיל די וויכטיקייט פון קומען צו קבר ישראל. עס איז מסתמא געשריבן געוואָרן אין דער שווערער צייט פון די חשמונאים־קאַמפן. דאָס ספר האָט אינספּערירט און באַאיינפלוסט אַזעלכע קינסטלער ווי רעמבראַנד א.א. ש.

און לייטזעליקייט אין שלמנאסרס אויגן, און איך בין געוואָרן זיין איינקויפער. און איך בין געפאָרן קיי מדי, און האָב איבערגעלאָזט צען צענטנער זילבער ביי גביאל, גבריהס ברודער, אין רגש פון מדי.

און אַז שלמנאסר איז געשטאָרבן, איז סנחריב, זיין זון, געוואָרן קעניג אויף זיין אָרט; און זיינע וועגן זענען געווען באַאומרואיקט און איך האָב מער נישט געקענט פאָרן קיין מדי. און אין די טעג פון שלמנאסר האָב איך געטון אַ סך חסדים מיט מיינע ברידער. מיין ברויט פלגע איך געבן צו די הונגעריקע, און מיינע מלבושים צו די נאַקעטע. און אויב איך האָב געזען עמיצן פון מיין פאָלק אַ טויטן, און געוואָרפן הינטער די פלויטן פון נינוה, האָב איך אים געבערענגט צו קבורה. און אויב דער מלך סנחרוב האָט עמיצן געטויט ווען ער איז געקומען צולויפן פון יהודה, האָב איך זיי קובר געווען בגניבה; וואָרום ער האָט אַ סך געטויט אין זיין גרימצאָרן; און די גופים זענען געזוכט געוואָרן פון דעם קעניג, און מען האָט זיי נישט געפונען. איינער אָבער פון די אנשי־נינוה איז געגאַנגען און האָט אָנגעוויזן דעם קעניג אויף מיר, אַז איך באַגראָב זיי און איך האָב מיך באַהאַלטן; נאָר. היות איך בין געוואויר געוואָרן, אַז מען זוכט מיך אומצוברענגען, בין איך אַנטלאָפן פון שרעק. און מען האָט מיר צוגערויבט מיין גאַנץ פאַרמעגן, און עס איז מיר גאָרנישט איבערגעבליבן, אַ חוץ חנה מיין ווייב און טובית מיין זון. און עס זענען נישט פאַרביי־געגאַנגען קיין פינף און פיפציק טעג, איידער צוויי פון זיינע זין האָבן אים נישט אומגעבראַכט, און זענען אַנטלאָפן צו די בערג אררט. און סחרחדון, זיין זון, איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט; און ער האָט געזעצט אחיחרון בן חניאל, מיין ברודערס זון, איבער אַלע חשבונות פון זיין מלכות און איבער אַלע ענינים. און אחיחרון האָט זיך משתדל געווען פאַר מיינעטוועגן, און איך האָב מיך אומגעקערט קיין נינוה. און אחיחרון איז געווען שר המשקים, און איבער דעם קעניגס חותם, און גובה, און אויפזעער איבער אַלע חשבונות און סחרחדון האָט אים געמאַכט פאַר שני למלך; און ער איז געווען מיין ברודערס זון.

קאַפּיטל ב.

און ווען איך האָב מיך אומגעקערט אַהיים, און מען האָט מיר אָפּגעגעבן מיין ווייב חנה און טובית מיין זון, און יום־טוב שבועות, וואָס איז אַ הייליקער יום־טוב פון די זיבן וואָכן, איז געמאַכט געוואָרן אַ גוטע סעודה פאַר מיינעטוועגן, און איך האָב מיך אַנידערגעזעצט עסן. און אַז איך האָב דערזען אסך מאכלים, האָב איך געזאָגט צו מיין זון: גיי און ברענג אַהער יעדן אביון פון אונזערע ברידער, וואָס דו וועסט נאָר געפינען, וועלכער פאַרגעסט נישט אין גאָט; און זע, איך וואַרט אויף דיר. און ער איז צוריקגעקומען און געזאָגט: טאַטע, איינער פון אונזער פאָלק, אַ דערוואָרגענער, ליגט ארויסגע-



וואָרפן אויפן מאַרק. און איידער איך האָב עפּעס טועם געווען, האָב איך מיך אויפגעהויבן און אים אַריינגענומען אין הויז אַריין ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען. און האָב מיך אומגעקערט און אָפּגעוואַשן, און געגעסן מיין ברויט מיט עצבות, און האָב מיך דערמאָנט אין דעם נביא עמוס, ווי ער האָט געזאָגט: אייערע ימים־טובים וועלן פאַרקערט ווערן צו טרויער, און אַלע אייערע שמחות צו קלאָג.

און איך האָב געוויינט.

און ווען די זון איז פאַרגאַנגען, בין איך אַוועק און האָב אויסגעגראָבן אַ קבר, און אים באַגראָבן. און מיינע שכנים האָבן זיך אויסגעלאַכט פון מיר, אַזוי צו זאָגן: ער שרעקט זיך מער נישט געהרגעט צו ווערן פאַר דער דאָזיקער זאַך, און איז דאָך אַנטלאָפן; און זע, ער איז ווידער מקבר די מתים! און אין דער זעלביקער נאַכט האָב איך מיך אומגעקערט פון דער קבורה, און ווייל איך בין געווען טמא, האָב איך מיך געלייגט שלאָפן ביי דער וואַנט אויפן הויף; און מיין פנים איז געווען אָפּגערעקט. און האָב נישט געוואוסט, אַז אויף דער וואַנט זענען דאָ פייגעלעך. און בעת מיינע אויגן זענען געווען אָפן, האָבן די פייגעלעך אַראָבגעלאָזט וואַרעמע צואה אין מיינע אויגן אַריין, און עס איז געקומען אין מיינע אויגן עפּעס ווייסע בלאַנעס; און איך בין געגאַנגען צו רופאים, און זיי האָבן מיר נישט געקאָנט העלפן. אחיחרון אָבער האָט מיך געשפייזט, ביז איך בין אַוועקגעפאָרן קיין עלימייס.

און מיין ווייב חנה האָט געשפונען אין די פרויען־קאַמערן, און פלעגט אָפּשיקן די אַרבעט צו די בעלי־בתים. און זיי האָבן איר געצאָלט שכירות און אויך דערלייגט אַ ציקעלע. ווען אָבער עס איז געקומען צו מיר, האָט עס אָנגעהויבן צו שרייען; און איך האָב געזאָגט צו איר: פונוואַנען האָסטו דאָס ציקעלע? צי איז עס נישט אַמאָל אַ געגנבעטעס? גיב עס אָפּ צו די בעלי־בתים; וואָרום מען טאָר נישט עסן קיין געגנבעטע זאַכן. זי אָבער האָט געענטפערט — מען האָט עס מיר געגעבן אַ מתנה, אַ צולאָג צו די שכירות! און איך האָב איר נישט געגלויבט, נאָר האָב איר געהייסן עס אָפּגעבן צו די בעלי־בתים. און עס איז מיר געווען אַ חרפה פאַר איר. זי אָבער האָט ענטפערנדיק צו מיר געזאָגט: וואו זענען דיינע חסדים און דיינע צדקות? זע, דו און דיינע מעשים זענען גוט באַקאַנט!

קאַפּיטל ג.

און ווייל איך בין געווען טרויעריק, האָב איך געוויינט, און האָב תפילה געטון מיט פּיין, אַזוי צו זאָגן:— דו, גאָט, ביסט גערעכט, און אַלע דיינע מעשים און אַלע דיינע דרכים זענען דערבאַרעמדיק און וואַרהאַפטיק, און אַן אמתדיק און גערעכט משפט משפטסטו אייביק. דערמאָן דיך אין מיר, און קוק דיך אויף מיר אום, שטראָף מיך נישט פאַר מיינע זינד און אומוויסן, און פאַר מיינע עלטערן, וואָס האָבן געזינדיקט קעגן דיר. וואָרום זיי האָבן

נישט געהאָרכט דיינע געבאָטן; און דו האָסט אונז איבערגעגעבן צו רויב, און געפאַנגענשאַפט, און טויט, און פאַר אַ משל פון חרפה צו אַלע פעלקער, צווישן וועלכע מיר זענען צעשפּרייט. און, איצט, גרויס זענען דיינע משפּטים און אמת; טו מיט מיר לויט מיינע חטאים און מיינע עלטערנס זינד, ווייל מיר האָבן נישט מקיים געווען דיינע מצוות; וואָרום מיר האָבן נישט געוואַנדלט פאַר דיר אינם אמת. און איצט, לויט ווי עס איז וואוילגעפעלן פאַר דיר, אַזוי טו מיט מיר. באַפעל, אַז מיין נשמה זאָל פון מיר אַוועקגענומען ווערן, כדי איך זאָל אויסגיין און ווערן ערד, ווייל עס לוינט זיך מיר בעסער צו שטאַרבן ווי צו לעבן, מחמת איך האָב געהערט פאַלשע זלזולים, און דער צער איז מיר זער גרויס. באַפעל זשע, אַז איך זאָל שוין אויסגעלייזט ווערן פון דער דאָזיקער צרה, און גיין אויפן אייביקן אָרט. קער נישט אָפּ דיין פּנים פון מיר.

עס איז געשען אין דעם זעלביקן טאָג, אַז אין עקבתנותא, אַ שטאָט פון מדי, איז שרה בת רגואל אויך באַליידיקט געוואָרן פון איר פאָטערס דינסטן; מחמת זי האָט התונה געהאַט מיט זיבן מענער, וועמען דער בייזער שד כשמדאי האָט אומגעברענגט איידער זיי זענען זיך צונויפגעקומען מיט איר, ווי מען קומט זיך צונויף מיט פרויען.

— דו ווייסט גאָרנישט — האָבן די דינסטן צו איר געזאָגט — אַז דו האָסט דערוואָרגן דיינע מענער? זיבן האָסטו שוין געהאַט, און דו הייסט נישט אויף קיין איינעמס פון זייערע נעמען! וואָס שלאָגסטו אונז? זיי זענען געשטאָרבן, גיי דו מיט זיי! הלואי, אַז מיר זאָלן אויף אייביק נישט זען פון דיר נישט קיין זון נישט קיין טאָכטער!

אַז זי האָט אַזעלכעס דערהערט, איז זי געוואָרן זער טרויעריק, אַזש זיך אַ מעשה אָנצוטון; און האָט געזאָגט: איך בין די איינציקע טאָכטער ביי מיין פאָטער, און אויב איך וועל טון די דאָזיקע זאַך, וועט עס זיין אַ חרפה פאַר אים, און איך וועל אַראָפּנידערן זיין זקנה מיט טרויער אין קבר אַריין.

און זי האָט מתפלל געווען אַנטקעיגן פענסטער און געזאָגט: — געלויבט ביסטו, האַר מיין גאָט, און געלויבט איז דיין הייליקער און טייערער נאָמען אויף אייביק. אַלע דיינע מעשים לויבן דיך אויף אייביק. איצט, האַר, ווענד איך מיינע אויגן און פּנים צו דיר און כ'זאָג, נעם מיך אַוועק פון דער ערד, כדי איך זאָל מער נישט דאַרפן הערן די באַליידיקונג. דו ווייסט האַר, אַז איך בין ריין פון יעדער זינד מיט אַ מאַן, און האָב נישט באַשמוצט מיין נאָמען, נישט מיין פאָטערס נאָמען, אין דעם לאַנד פון מיין געפאַנגענשאַפט. איך בין די איינציקע טאָכטער ביי מיין פאָטער, און ער האָט נישט קיין קינד וואָס זאָל ווערן זיין יורש, נישט קיין נאָנטן ברודער וואָס האָט אַ זון, כדי איך זאָל מיך קענען האַלטן צו אים פאַר אַ ווייב. זיבן מענער זענען מיר שוין אָפּגעשטאָרבן; צו וואָס זאָל איך נאָך לעבן? און אויב עס איז נישט וואוילגעפעלן פאַר דיר, אַז איך זאָל שטאַרבן, זע, אַז מען זאָל זיך אומקוקן



אויף מיר, און דערבאַרעם דיך איבער מיר, כדי איך זאָל מער נישט הערן קיין בזיונות!

און די תפילה פוןביידן איז דערהערט געוואָרן פאַר דעם כבוד פון דעם גרויסן גאָט.

און דער מלאך רפאל איז געשיקט געוואָרן צו היילן די ביידע: אַראָפּצונעמען די ווייסע בלאָנעס פון טוביהס אויגן און צו געבן שרה בת רגואל צו טובית בן טוביה פאַר אַ ווייב; אויך צו בינדן דעם בייזן שד אשמדאי; ווייל זי האָט געהערט צו טוביתן ווי אַ ירושה.

אין דער זעלביקער צייט האָט טוביה זיך אומגעקערט און איז אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז, און שרה בת רגואל איז אַראָפּגעקומען פון איר אויבערשטיבל.

(המשך קומט)

# א. מ. קייזער

## „רני עקרה“ און די „דרעסמייקערין“

(פון ירוחם דעם מלמד'ס מעשיות)

האָב איך אייך דערציילט פון מיין שיינעם חדר מיט מיינע פיינע באַיטשיקעס, די טייערע תלמידים, זאָלן מאריך ימים ונשים זיין. איי, זענען דאָס למדנים! איי, זענען דאָס וואויל-לערנער! — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! זיי ווילן, הערט איר, אַזוי לערנען ווי איר ווילט לערנען — ניט אַ לעק!

און די טאַטעס, מיינט איר, אַרט עס? — אַ נעכטיקער טאָג! ווי זאָגט מיין שוויגער: ס'איז ווי ס'שטייט אין טייטש־חומש: „כרחם אב על בנים“ — דער טאַטע איז נישט בעסער פון די בנים.

וואָלטן זיי כאָטש פאַרשטאַנען יידיש, וואָלט איך זיי שוין אין קאָפּ אַריינגעהאַקט אַ פּסוק חומש. אַז מ'קען יידיש גייט דער פּסוק ווי אַ מזמור. דערפאַר טאַקע איז ביי אונז אין דער היים געווען אַ תענוג צו לערנען אַ פּרשה חומש מיט אַ יינגל. ווער געדענקט ניט ווי אונזערס אַ מלמד האָט מיטן שיינעם חומש־ניגון אַ זינג־געטון:

— אשה, אַן אשה. כי תזריע, אַז זי וועט מזריע זיין. וילדה, און זי וועט מוליד זיין. זכר, אַ זכר. וטמאה, און זי וועט זיין טמא. שבעת ימים, געדענקט־זשע קונדייסים, זיבן טעג.

און חברה האָבן טאַקע געמוזט געדענקען, אויב ניט — זענען געפלויגן פּעטש.

נאָר דאָ, אין דעם געבענטשן ענגלאַנד, איז דאָך אַן אומגליק — אַז וואו דו ניסט זיך אַ קער, איז בלויז ענגליש און ענגליש.

איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד: איך האָב שוין פּרובירט מיט מיינע

באַיטשיקעס לערנען אַ פּסוק חומש אויף ענגליש; איך האָב זיי אַ זינג געטון: „אשה, אַ וואומען" — און ווייטער פון „אשה, אַ וואומען" בין איך ניט געגאַנגען, ווייל איר זאָלט געווען הערן וואָס ס'האָט זיך דאָרט אָפּגעטון. די געלעכטערן מיט די חוזקערייען זענען געווען ביזן הימל. און צווישן אונז גערעדט, פאַרוואָס זאָלן זיי ניט לאַכן? וואָס'אַראַ טעם האָט אַ „אשה, אַ וואומען"? ווי קומט עס צו אונזער „אשה, אַן אשה"? — פּע, חלשות! און זינט דעמאָלט קאָן איך שוין מיט מיינע באַנדיטן קיין ספר ניט עפענען. באַלד ווי איך זעץ זיך מיט זיי אַוועק עפּעס לערנען שרייען זיי אַלע אויף איין קול: „רעבע, גיב אונז אשה אַ וואומען!".

מילאַ, טראַכט איך זיך, קיין רבנים וועלן שוין סאַי־ווי־סאַי פון אייך ניט ווערן, — סיידן, ווער ווייסט, אפשר רעווערענדס — דאַרף מען באַצייטנס אייך נעמען לערנען דעם „בר־מצוה", ס'הייסט דעם מפטיר מיטן „ספּיטש", און איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַן הפטורה. וואָס הייסט, פרעגט איר, זוכן אַן הפטורה? יעדעס יינגל, זאָגט איר, האָט דאָך מסתמא זיין שבת ווען ער ווערט בר־מצוה און זיין הפטורה? — אויב איר דענקט אַזוי, האָט איר במחילה אַ טעות! דאָ מוז מען פאַרן „בר־מצוה באָי" אויסזוכן די קלענסטע הפטורה — אַ געניץ די גרויס, אַזוי, אַז ער זאָל ניט דאַרפן זיך צוקאַליעטשן די ציין און וואָס גיכער קענען זיך אויסלערנען די עברי. האָב איך אויסגעפינען, אַז די קלענסטע הפטורה איז „רני עקרה", וואָס מ'לייענט אין מיטן זומער צו פרשת „כי תצא"; ס'איז אַן הפטורה'לע פון גאַנצע צען פּסוקים, אַ קליינטשיקס, אַ פּיצעלע.

איז ביי מיר אַוועק אַ סדרה „כי תצא". אַלע מיינע בר־מצוה באָיעס האָבן ביי מיר געזונגען „רני עקרה" און ס'איז געווען ליהודים. ס'איז מיר גאָר אויף די געדאַנקען ניט געקומען, אַז טאָמער געהערן צוויי טאַטעס צו איין שול און יעדער איינער וועט פאַר זיין באָי וועלן האָבן די „רני עקרה", דעם מפטיר הייסט עס. און כך הוה, אַזוי איז טאַקע געווען: מיטאַמאָל האָבן זיך צום פּרעזידענט פון דער שול אַ לאָז געטון ניט צוויי, נאָר צוויי מאָל צוויי — גאַנצע פיר טאַטעס פון בר־מצוה'ס, און אַלע האָבן פאַרלאַנגט דעם מפטיר פון שבת „כי תצא", מ'האָט זיך אַזוי געריסן איבער דער „רני עקרה", אַז ס'איז שיעור ניט געקומען צו פּעטש.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פּרעזידענט האָט זיי אַלעמען געהייסן גיין צום „רבין פון די רני עקרה'ס" און זאָל ער זיי באַווייזן ווי אַזוי מ'קען פון איין „רני עקרה" מאַכן — פ י ר. זענען זיי צו מיר אַריינגעפאַלן מיטן אמתן ירגזון און מיר געמאַכט דעם רעכטן פּעטשאַטעק.

איין חברה מאַן האָט געקלאַפּט אין טיש און געוואַלדעוועט:

— איך האָב פאַר מיין באָי געאָרדערט אַ ספּעשל מפטיר, האָב איך געאָרדעט, ניט קיין „יוטיליטי". פאַר אַזאַ „בלעק מאַרקעט" וועט איר ביי מיר אַוועק אין „דזשייל".



אַ צווייטער, מילא גזלן, מאַכט צו מיר:

— אַ נייער „פעשאָן" גאָר: קיסייצע! (כי תצא) איך וועל אייך געבן אַ קיסייצע וועט אייך פאַרגיין דער אַפּעטיט צו זיין אַ רעבע!

אַ דריטער פרעגט מיט אַ גיפטיק שמייכעלע:

— וואָס איז ביי אייך אַ בר־מצוה פעקטאָרי, וואָס איר מאַנופעקטשורט רעדי־מעיד מפטירס מיט סטאָק סייזעס?

און אַ פערטער, אַ נעבאַכל, מיט אַ נקבה'ש קול'כל, קוויטשעט:

— דאָס קאָן נאָר טרעפן ביי אונז יידן. ביי די גויים קאָן אַזאַ זאַך ניט פּאַסירן.

אויב אַזוי, טראַכט איך, אויב איר זענט יאָ אַזעלכע עזות־פּנים'ער וועל איך אייך אָפּשפּילן אַ פרימאָרגן גאָר אויף אַן אַנדער אופן; איך וועל אייך טאַקע דערציילן וואָס'אַראַ קדישים איר פאַרמאָגט. ווייל די גאַנצע סומאַטאָכע איז דאָך צוליב זיי, צוליב די תכשיטים זייערע. און איך נעם און רוף זיך אָפּ:

—שמעו נא רבותי! הערט אויס באַלעבאַטים מיינע. אייערע באָיעס, אַזוי ווי זיי הערן ניט אַזוי זאָל זיי ניט שאַטן, זענען ניט אונזערע באָיעס, אונזערע היימישע בחורים. און אויב איר פּיקט מיך ביי דער צונג, וועל איך אייך זאָגן וואָס אייערע באָיעס זענען; זיי זענען, ניט אויסגערערט זאָל זיין, עכברושים, מזיקים, טייוואָלים, רוחות, שדים, נישט־גוטע! ס'זאָל זיך אייך אַזוי ווילן שפּילן אין הינטלעך, ווי זיי ווילן לערנען. צו קנעלן מיט אַזאַ חברה — ווינש איך וואו איך האָב ערגעץ אַ שונא. מ'קאָן ביי זיי פאַרלירן דאָס האַרץ מיטן געזונט מיטן לייב און לעבן. ווען איך וואָלט יעדן איינעם געלערנט זיין באַזונדערן מפטיר, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אַ תושב אין עדמאָנטאָן אויפן בית־עולם, און דאָס גלוסט זיך מיר דערווייל ניט, ווייל איך האָב נאָך אַן „אַגרימענט" אויף ד ע ם עולם, איך וויל נאָך לעבן. דערפאַר איז פאַר זיי „רני עקרה" דער בעסטער מפטיר. ס'איז פּונקט ווי פאַר זיי געשניטן — אַ מפטירל אַ קליינס אַ פּיצעניונקעלע, אינגאַנצן צוויי אינטשעס די גרויס, וואָס איז ניט אַזוי שווער אַראָפּצושלינגען. און אפילו דאָסדאָזיקע „כזית'ל" האָבן זיי אַזוי לייכט ניט געקאָנט פאַרדייען. כ'האָב גענוג געשוויצט, געפּיניעט מיט דער נשמה, ביז כ'האָב זיי אַרויפגעפירט אויף אַ דרך, אַז זיי זאָלן ניט דרעפּטשן ווי בלינדע פערד אין בלאָטע. איצט, זאָלט איר זען ווי „רני עקרה" גייט ביי זיי. ס'לויפט ווי אַ לאָשעקל. איי, איר באַלאַנגט צו איין שול און יעדער איינער וויל די „רני עקרה" פאַר זיך, איז — ליוו איט טו מי! עלי ועל צוארי! איך וועל שוין געפינען עפּעס אַ פּאָרטל ווי אַזוי דער וואָלף וועט בלייבן זאַט און די ציג — גאַנץ; ביידע וועט איר זיין צופרידן — אי איר, אי „רני עקרה". דערווייל זייט רוהיק. קאָכט אייך ניט. דאָס קאָכן, שרייבט רבנו טומטום, איז ניט גוט פאַרן פּופּיק. גייט געזונטערהייט אַהיים און האָט־זשע מיר אַ גוטן־באַי!

און מיר האָבן זיך גאַנץ פריינטלעך צעזעגנט.

נאָר ס'גייט ניט אַוועק קיין האַלבע שעה און מ'ברענגט מיר אַריין אַ טעלעגראַמע. די טעלעגראַמע איז פון איינער פון מיינע באַלעבאָסטעס, וועמענס באָי איך האָב אויסגעלערנט דעם מפטיר פון „כי תצא“, אַ באָי אַ גלאָמפּ, מיט אַ שטים פון אַן עגלה־ערופה. מיין באַלעבאָסטע איז איצט ביים „סי־סאַיד“. ביים ים, זי רוט זיך דאָרט אָפּ, טעלעגראַפירט זי מיר אָט וואָס:

„אַזוי ווי מיין דרעסמייקערין קאָן ניט פינדישען מיין דרעס אין טאַים פאַר דער באַרמיטצווע, האָב איך דעסאַידעד צו פּאָסטפּאָנען די פאַנקשאָן. אַריינדזשט אין שול אַן עקסטענשאָן אויף אַנהויב ווינטער.“

ווי געפעלט אייך עפּעס אַזאַ'ן אומגליק? אַ יאָר צייט האָב איך מיט איר דראָנג געהאַקט האַלץ, דעם גאָרגל זיך אויסגעריסן ביז איך האָב דעם בנ'אָק אירן אויסגעלערנט דעם מפטיר פון „כי תצא“ און אים אַריינגעהאַקט די „רני עקרה“. איצט, נאַ דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! גיי הויב אָן אַ סדרה פונם'ניי. נעם איך און קלאַפּ איר אַוועק, טאַקע אויף איר לשון, אַזאַ טעלעגראַמע:

„עקסטענשאָן פון מפטיר אימפּאָסיבל. געהאַט העל אָוו עי דזשאָב מיט רני עקרה. דורכגעגאַנגען אַ יאָר האַרד־לייבאָר ביז אייער באָי טוק טו הער. באַרמיטצווע מוז וואַרטן מיטן מפטיר ביז נעקסט יאָר סעים טאַים, ווען רני עקרה קומט אַגעין.“

וואָס־זשע, מיינט איר, ענטפערט זי מיר? נעמט זי און דערלאַנגט מיר אַזאַ טעלעגראַמע:

„דאָנט בי קרעיזי. נעקסט יאָר וועט מיין דרעס זיין אַאוט אָוו פעשאָן. טו העל וויטה רני עקרה. טשיינדזש סטיישאָן ענד טיון־אין פאָר ענאַטהער מפטיר.“

וואָס זאָגט איר צו מיינע גליקן? גיי איצט און אַקער די ערד מיטן נאָז פון בראשית; גיי ווידער אויף אַ האַלב־יאָר קאַטאָרגע און טעסע פלעקער מיט איר קדיש. זי מיינט טאַקע, אַז מפטיר איז אַ „ווייערלעס“, אַ ראַדיאָ, וואָס מ'גייט אַ דריי־אָן, אַ „טיון־אין“ ווי זי שרייבט, און ס'זינגט.

בין איך מיר אַזוי אַ טאָג צוויי אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז די הפטורה פון פרשת נח איז דיזעלביקע ווי כי־תצא — ס'איז אויך „רני עקרה“. נעם איך און קלאַפּ איר אַוועק אַזאַ טעלעגראַמע:

„סאַקסידעד עקסטענשאָן טו נח. באַט וויל קאָסט עקסטראַ מאַני“. וועט איר דאָך פרעגן: פאַרוואָס „עקסטראַ מאַני“? איז ראשית, דאַרף איך נאָך מיט איר תכשיט איינקנעלן דאָס לייענען פונם מפטיר פון פרשת נח, און צווייטנס, זאָל זי ניט מיינען, אַז מפטיר'ס הויבט מען אויף אין גאַס. וואָס־זשע, מיינט איר, האָט זי מיר געענטפערט? ענטפערט זי מיר, אַז „מאַני נאָ אָבזשעקט“. געלט, הייסט עס, איז ביי איר בלאָטע, „באַט איט דעפּענדס“. ס'געווענדט זיך וואָס די דרעסמייקערין וועט זאָגן צו נח.



הכלל, נאָך ווייטערדיקע אָנפראַגעס און הקירה ודרישה'ס האָט די דרעסמייקערין גע'פסק'נט אויף כשר און איך באַקום פון איר אַ טעלעגראַמע, אַז „נח איז אָ־קעי, גאָ־אַהעד!“. אויף אונזער לשון הייסט עס: נח איז גאָר פויגלדיק, נעמט אייך צו די כלים.

אויב אַזוי, טראַכט איך זיך, אויב נח איז „אָ־קעי“ פאַר מיין באַלעבאָסטע ביים ים, פאַרוואָס זאָל ער ניט טויגן פאַר מיינע באַלעבאַטים אויף דער יבשה? נעם איך און שיק זיי רופן, די פיר רני עקרה'דיקע באַלעבאַטים מיינע, וואָס באַלאַנגען צו איין שול, און גיב זיי אַזאַ פּלאַן: איין בר־מצוה זאָל פאָרקומען שבת „כי תצא“, און אַ צווייטער — פרשת נח, וועלן מיר אַזוי אַרום אַוועקלייגן צוויי רני עקרה'ס מיט איין שאָס. וואָס איז שייך די אַנדערע צוויי — וועלן זיי מוחל זיין צואוואַרטן ביז איבעראַיאָר, ווען מ'לייענט דיזעלבע סדרות. איז זיי מיין פּלאַן געפעלן, ניט מער זיי האָבן זיך ניט געקענט אויסגלייכן ווער ס'זאָלן זיין די ערשטע צוויי און ווער די לעצטע צוויי בר־מצוה'ס. זאָג איך צו זיי:

— למאי זאָלט איר אייך אַמפּערן? אַמער גייט אַוועק צו אייערע ווייבערס „דרעסמייקערינס“ און פרעגט ביי זיי. זיי וועלן שוין וויסן וואָס אָפּצו'פסק'נען.

לאַכן זיי, די באַלעבאַטים מיינע, ווינקן זיך איבער ממזריש מיט די אויגן, גלייך ווי זיי וואָלטן פרעגן: „וואָס'ערא מאַנקי־ביזנעס האָט אונזער רעבע מיט די דרעסמייקערינס“? זאָג איך צו זיי:

— לאַכט ניט, יידן, אויב אייערע ווייבערס דרעסעס זענען ניט פאַרטיק, וועלן אייך קיין צען רני עקרה'ס ניט העלפן.

וואָס־זשע, מיינט איר, איז געווען דער סוף? אויף צו מאָרגנס האָבן דריי פון מיינע רני עקרה'דיקע באַלעבאַטים מיך געלאָזט וויסן, אַז מע מוז אָפּלייגן די בר־מצוה'ס, ווייל די דרעסעס זענען טאַקע ניט „געפינדישט“. און אַ פערטער האָט געמאָלדן, אַז זיין ווייב'ס דרעס איז אפילו יע געפינדישט, נאָר אָך־און־וויי צו אַזאַ פינדישן. די דרעס איז פאַרשניטן און ס'ציט אין „די בעק“. פונדעסטוועגן, וויל ער אָפּפינדישן מיט דער „בר־מצוה“, ווייל „איט מעיקס אים סיק“, ס'הייסט: ער האָט שוין פון דער בר־מצוה אַן הויקער.

און אַזוי, ווי איר הערט, האָב איך, אַ דאַנק די דרעסמייקערינס, אָפּגעראַטעוועט מיין שווערע האָראַוואַניע, מיינע בר־מצוה'ס. זאָגט אייך וואָס איר ווילט — אין אַ מדינה וואו מ'קאָן באַקומען אַן „עקסטענשאָן“ פאַר בר־מצוה, ווייל די דרעסמייקערין איז ניט „רעדי מיטן דרעס“ — אין אַזאַ מדינה ווערט מען ניט פאַרלוירן מיט חיונה. דאָס הינגע יידישקייט, הערט איר, איז שוין איינמאָל אַ מאכל — די פינגער צו לעקן! ס'איז פרנסה מיט טעלער און לעפל!

משה עובד

# דער קאַרגער קורח

(איבערלעבונגען)

דער חוט-השדרה פון יעדער פּראָפעסיע ווי פון דער אַל—געמיינער מענטשהייט! — איז דאָס אַלטעגלעך־באַנאַל־מענטשעלע, מיט אַ קלייגער צאָל איבערמענטשן פון איין זייט און מיט אַ קלייגער צאָל עכברושים אויף דער צווייטער זייט.

אויף אונזער טראַדיציאָנעלן לשון הייסן די פליגלען: צדיקים און רשעים.

עס איז אָבער טיילמאָל זער שווער צו דעצידירן, וועלכער איז דער רשע־פליגל און וועלכער דער צדיק פליגל. — די פאָלגנדע געשיכטע וועט עס בלי-נדר אילוסטרירן:

אויף דעם לאָנדאָנער דימאַנטן־מאַרק האָט געהאַנדלט אַ סוחר, מ'האָט אים גערופן „דער קאַרגער קורח". אַ קאָנקורענט האָט זיך אַמאָל אויף דעם קאַרגן קורח אויסגעדריקט: „ווען ער וואָלט געהאַט דרייסיק גאָלדענע זייגער־לעך אין טאַש וואָלט ער אפילו אַ בלינדן נישט געזאָגט ווי שפּעט ס'איז"... באַנאַלע מענטשלעך האָבן געציטערט צו האָבן מיט אים עסקים, אָרעמע-לייט און צדקה־זאַמלער האָבן אים אויסגעמיטן. אפילו אַגענטן פון פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן האָבן זיך פון אים דערווייטערט. אַזאַ שלעכטן שם האָט דער קאַרגער קורח געהאַט.

„דער קאַרגער קורח" האָט זיכער גאָר נישט אַריינגעפּאַסט אין בלאָ־ווייסער מאָזאַאיק פון דימאַנטן־מאַרק, ווייל ער איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער, מיט אַ פּלייצע ברייטער, מיט אַ נאָז לענגער און מיט אויגן קרימער פון אַלע הענדלער פון מאַרק. און ווען ער האָט געעפנט אַ פּאַפּירן־פּראָשעקל מיט דימאַנטלעך, און די אונטערשטע ליפּ האָט זיך אים אַראָפּגעלאָזט און די לאַנגע נאָז אַרויפגעצויגן — האָט ער אויסגעזען ווי ס'גייט אים אָן אָן עקל פאַר דער ביטערער מעדיצין וואָס ער מוז נעבעך איינגעמען.

דרייסיק יאָר האָב איך אים באַאָבאַכטעט, אָבער זייענדיק אַ בכבודיק קרעמערל האָט מיר נישט געפּאַסט מיט אים צו רעדן.

איינמאָל האָט דער גורל אונז ביידע אַריינגעפּאַקט אין איין ווייטשעפּע־לער טראָלי-באַס האָב איך אים באַגריסט, געפרעגט ווי ס'גייט אים.

— אויב איר זענט אויף אָן אמת פאַראינטערעסירט און איר ווילט וויסן ווי ס'גייט מיר וועל איך אייך זאָגן, אָבער איר זענט עס דאָך נישט, און איך האָב פיינט היפּאָקריטן! — ענטפערט ער מיר.

מיר האָט אימפּאָנירט זיין אויפריכטיקע תשובה און זאָג:

— דערציילט מיר טאַקע אַביסל פון אייער לעבן מיך אינטערעסירט שטאַרק.



— פאַרוואָס זענט איר דאָס אַזוי פאַראינטערעסירט אין מיר. איר האָט דאָך מיך פיינט! — זאָגט ער.

— איך?!

— יאָ, איר! איר! אַלע האָבן מיר פיינט, און מיין אייגן ווייב מער פון אַלע. זי זאָגט, אַז עס ווערט איר נישט גוט ווען זי קוקט אויף מיר! אַלע האָבן מיר פיינט! אָבער דער גרעסטער דם־שונא בין איך זיך אַליין, אַ כאָלעריע! טפו! — און ער גיט אַ שפּיי אויס אין מיטן טראָלי־באַס, אַזש ס'קרעמערל איז איבערפאַלן מיט בושה. און ער רעדט ווייטער:

— אין צען מינוט אַרום דאַרף איך אויסשטייגן, מוז זעען אַ קונה, קען פאַרדינען אַ פּאָר פּענעס. נאָר איך וועל אייך דערציילן, הכלל בקיצור: איך שטאַם פון ווייסרוסלאַנד פון אַ משפחה דור דורות שמידן. אין אַ פּאָגראָם איז מיין גאַנצע משפחה, דריי ברידער, צוויי שוועסטער, טאַטע און מאַמע, — אַלע זיינען געוואָרן אויסגעהרגט. איך בין דאַמאָלט נישט געווען אינדערהיים. ווען איך בין אַהיים געקומען האָב איך אָט מיט די הענט אַוועקגעלייגט פינף פּאָגראָמטשיקעס, זיי וועלן שוין צו קיין תחית-המתים אסור נישט אויפשטיין! כ'בין אַנטלאָפן נאָך לאָנדאָן. געקומען אַהער יונג, אַ ריז! געקאָנט אייזן ברעכן. נישט געפונען קיין אַרבעט. בין איך געוואָרן אַ פּעדלער אין אימי־טאַציע צירונג און עס פיינט געהאַט ווי דעם טויט! טפו! נאָך היינטצוטאָג, ווען איך הער ווי דעם אָקשאַנירס (ליצעטאַטאָרס) הילצערנער האַמער פאַלט ווי אין חלשות—זע די דימאַנטן בלישטשן ווי טויטע פונקן און גאָלד ווי פאַר־פרוירען פייער, דערמאָן איך זיך אין מיינע יונגע יאָרן ווען איך מיט מיין פאָטער און מיינע ברידער זיינען געשטאַנען אין דער קוזשניע. דאָס פייער האָט געקנאַקט! די האַמערס האָבן געדונערט! די ערד האָט געציטערט! און איצט שטיי איך ווי אַ ליימענער גולם אין די לעציטאַציע מיט די ווערעם! די לייז! פאַרזונקען זאָלן זיי ווערן מיטן קאַרגן קורח צוזאַמען! „קאַרגער קורח"! אַכאָלעריע אויף זיי, טפו!

און אַזוי ווי ער שטייט און שפּייט דערזעט ער זיין פּנים זיך שאָטנדיק אָפּשפּיגלען אין גלאָז פון טראָלי־באַס, צעשמייכלט ער זיך און שאָקלט אויף זיך מיטן קאָפּ:

— קוקט נאָר דעם יאַוועליר! אַ קצב יונג האָט דאָך שוין אַ שענער פּרצוף ווי איך בין אַ ייד! און צו אַלע שוואַרצע יאָר ווערט נאָך מיין ווייב די כפּרה פאַר שפּיגלען! אויף אַלע ווענט שפּיגלען! אויף אַלע טירן שפּיגלען! צען שטובן מיט אַ קיך, אַלע פול מיט שפּיגלען, וואו איך גיב זיך אַ קער, זע איך מיין פאַרשאָלטענעם פּרצוף! שוין בעסער אַ פינסטערע תפיסה! אַ כאָלע...

— טאָ פאַרוואָס וואוינט איר נישט אין אַ קליין הייזעלע, אָן שפּיגלען? ברעך איך אים אונטער די קללה.

— פאַרוואָס? — ווייל איך האָב אַ טאָכטער פון עטלעכע און צוואַנציק

יאר אלט, אזא שיינהייט איז נישטא אויף דער וועלט און איך וויל מיט איר טון א שיינעם שידוך, מוז איך דאך לעבן ווי א מענטש, נישט אמת?

— אמת, זאג איך, אבער פארוואס זענט איר אזוי קארג? פארוואס ציטערט איר אזוי איבער יעדער פעני?

— פארוואס? ווייל איך זאמל געלט אויף נדן פאר מיין טאכטער. איך מוז פאר איר קריגן אן איידעלן מאן, נישט ווי איך בין, א גראבער יונג! א פאסקודניאק! איך וועל פאר אים קויפן אין די וועסט ענד א „פיקטשור־פעלעס" (קינא) א נייע מאטארקאר און א ניי הויז, ניי מעבל. איך וויל האבן, ער זאל זיך זיצן זיין גאנץ לעבן זיך בילדן און זיך איידעלען! יא איך בין א קארגער קורח, ווייל פאר יעדער פעני קען איך קויפן אן איידעלן טראפן בלוט. און זאל נאר מיין טאכטער קריגן איר באשערטן און חתונה האבן מיט מזל ווינש איך זיך צו קריגן צומארגנס נאך דער חתונה אן אפאפלעקציע! און אראפ פון מארק! טפו!

דער טראלי־באס האט זיך אפגעשעלט און ער איז ענטקומען צווישן קלונג און קלונג.

עטלעכע חדשים שפעטער האט ער טאקע משדך געווען זיין טאכטער מיט אן איידעלען יונגנמאן א דאקטאר פון פילאזאפיע און א הייסער ציוניסט פון א שיינער משפחה. דעם חתן האט ער טאקע געקויפט א פיקטשע־פעלעס אין דער וועסט־ענד, א נייע מאטארקאר, א ניי הויז און ניי מעבל.

צומארגנס נאך דער חתונה האט ער טאקע געקריגן אן אפאפלעקציע רח"ל.

און עס איז מקוים געווארן אלעס וואס דער „קארגער קורח" האט זיך נאר אליין געוואונטשן.

## שלמה גאלדענבערג

# אינדיע און פאלעסטינע

עס זענען געווען צייטן — און זיי זענען נישט ווייט פון אונז — ווען ברעננענדיק די צוויי נעמען צוזאמען האט געמיינט איינס: די נעגאטיווע באציאונג פון גאנץ אינדיע, צי איז דאס געווען דער „קאנגרעס" אדער די „מוסולמענישע ליגע", צו דער פראגע פון פאלעסטינע אלס א לאנד פון דער יידישער צוקונפט, אלס א יידיש־פאליטישע ארץ־ישראל... אין יענע צייטן זענעןביידע פירנדע פארטייען פון דער אינדישער געזעלשאפטליכער מיינונג געווען געגען פאלעסטינע אלס די לייזונג פון דער יידישער פראגע אלס גאנצעס, אלס א וועלט־פראבלעם. פארשטייט זיך פון פארשיידענע מאטיוון און פארשיידענע צוגאנגען...



די מוסולמענישע ליגע, וואס איז געווען דאס „ילד־שעשועים" פון דעם ענגלישן „אינדיא־אפיס", האט זיך שטענדיק אנגענומען די קריוודע פון די אראבער ווענען עס שטייט פאר די געפאר פון בעהערשט ווערן פון דער יידישער אימיגראציע, וועלכע זוכט זיי צו פארוואנדלען אין א מינאריטעט ביי „זיי" אין לאנד. אלס „ברידער" זענען זיי שארף ארויסגעטראטן קעגן יידן יעדעס מאל, ווען עס האט זיך געפילט עפעס אן ענדערונג אין דער אלטער רוימישער טאקטיק פון „דיווידע עט אימפערא", וואס די ענגלענדער האבן זי איבערגענומען, ווי זי שטייט און גייט, ביים אויפבויען זייער אימפעריע אויף די חורבות פון דער אלטער רוימישער. און גאנץ אפט האט זיך זיי איינגעגעבן אפצושרייען יעדע ליבעראלע ווענדונג יעדע גוטע כוונה, וואס דער „קאלאניאל אפיס" האט געהאט בדעה צו בענוצן אויפן געביט פון אפשאפן די שווערע שטיינער, וואס ליגן אויף דעם וועג פון אויפבויען א יידישע נאציאנאלע היים אין ארץ־ישראל לויט דער באלפור־דעקלעראציע און מאנדאט. די ענגלישע רעגירונג, וועלכע האט זיך יארן לאנג געשטיצט אין איר אינדישער פאליטיק אויף דער מוסולמענישער מינאריטעט קעגן דער קאנגרעס־באוועגונג האט זיך גערן צוגעהערט צו די פראטעסטן פון די מוסולמענער אין אינדיע און האט געלאזט אלץ בלייבן ביים אלטן וויסנדיק גאנץ גוט, אז די איינגענע „ברידער" אין אינדיע האבן באמת א קנאפן אינטערעס אין דעם וואס קומט פאר אין ארץ ישראל 1) און שפילן דא גלאט אין די הענט פון די ענגלענדער, כדי צו קריגן פון זיי הנחות ביים לייזן די אינדישע פראגע זעלבסט און זיי נאכגעבן אין זייער פאדערונג פון „פאקיסטאן"...

נישט בעסער, כאטש ראפינירטער איז געווען די שטעלונג פון די קאנגרעס־פירער צו דער פראגע פון א יידישער ארץ־ישראל. זיי, די ראדיקאלן פאר אויסן, האבן געפונען גענוג דעמאקראטישע פראזעאלאגיע פאר זייער נעגאטיווער שטעלונג צו א יידישער ארץ־ישראל. כאטש באמת זענען זיי דא אויסן געווען צוויי צוועקן: א) ווייזן דער ענגלישער רעגירונג, אז עס זענען דא פונקטן אין דער „פאריען־פאליסי", וואס דער קאנגרעס אלס אנהענגער פון דער ענגלישער אימפעריע, איז וויליג זיי צו שטיצן אין די אויגן פון דער אויסערער וועלט. ב) ווארפן א ביינדל — פארשטייט זיך אויף אונזער חשבון, נישט אויף דעם איינגענעם — דער מוסולמענישער ליגע אין דער אראביש־יידישער פראגע, כדי יענע זאלן זיי נאכגעבן אין זייער ראדיקאלער פאדערונג אין אינדיע גופא. ביידע צדדים האבן ארייינגעשפילט אין דער האנט פון דעם ענגלישן אימפעריאליזם, וואס האט נישט בדעה צו מאכן ראדיקאלע רעפארמען אין זיין רוימישער טאקטיק פון „צעטייל און

---

1) דער ענטפער פון דער מוסולמענישער אינדיע אויף די „אפיעלען" און „פאנדן" פון די אראבער אין ארץ־ישראל, איז שטענדיק געווען א נישטיקער, א חוזק'דיקער....

בעהערש“ אין קין פלאץ נישט אין דער גאָרער וועלט. האַלטנדיק, אַז „האוחז ביד“ איז די בעסטע תפילה. אָבער אַזוי האַנדלען שוין מענטשן, ווען זיי מיינען, אַז זיי קענען עפּעס קריגן פאַר זיך. ווייסנדיג, אַז זייער שטעלונג איז פּרינציפּיעל פאַלש און שעדלעך פאַר אַנדערע, פאַר וועמען די פראַגע איז אַ לעבנס־פראַגע. 2)

אָבער ווי זאָגן די רוימער „צייטן בייטן זיך און מיר מיט זיי“. און אין דעם צוזאַמענשטעל פון אָט די צוויי נעמען האָבן זיך זאַכן קאַרדינאַל געענדערט הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אַזוי אויספירלעך אומגעביטן אַלע זייטן פון אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן.

די מלחמה האָט צוערשט אַרויסגעבראַכט אין איר גאַנצער שאַרפקייט די אינדישע פראַגע. מיט דעם שונא — די יאַפּאַנעזער — ביי די טויערן פון אינדיע און מיט דר אָפענער פיינדליכער שטעלונג פון קאָנגרעס צו ענגלאַנד — האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אין דעם פערגליווערטן „אינדיא־אָפיס“. נישט קוקנדיג דערויף, וואָס אין דער שפּיץ פון דעם „אינדיא־אָפיס“ איז די גאַנצע צייט פון דער „קאָאַליציע־רעגירונג“ געשטאַנען אַזאַ איבערגעגעבענער, איבערצייגטער אימפּעריאַליסט ווי איימערי, האָט די טשוירטשיל־רעגירונג אין מערץ 1942 געשיקט דעם סאָציאַליסט קריפּס אויסצופירן אונטערהאַנדלונגען מיט די פירער פון קאָנגרעס, כדי צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט זיי וועגן זייער פאָדערונג פון „אַן אונאָפּהענגיקער אינדיע“. פון די אונטערהאַנדלונגען איז גאָר נישט אַרויסגעקומען אָפיציעל צוליב דעם, וואָס ביידע קעמפּפענדע צדדים אין אינדיע גופא האָבן זיך נישט געקענט אויסגלייכן מיט זייערע קעגנזייטיקע פאָדערונגען. אָבער נישט אָפיציעל האָבן דאָ געווירקט צוויי נייע מאָמענטן. דער ערשטער, אויב נישט דער וויכטיקסטער, איז געווען דער גלויבן, אַמווייניקסטן דער וואונטש פון מאַנכע קאָנגרעס־פירער, אַז די ענגלענדער זאָלן האָבן אַ מפּלה; זייער אימפּעריאַלע פּאָליטיק זאָל צושמעטערט ווערן און אינדיע זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון דעם פרעמדן יאָך, וואָס זיי אַליין קענען נישט צוברעכן, אָבער וואָס דער גוטער צופאַל — די מלחמה — קאָן דאָס יאָ בעווייזן... זיי האָבן געוואוסט, אַז די יאַפּאַנעזער זענען אויך אימפּעריאַליסטן, אַז די קריגס־קליקע אין יאַפּאַן גייט נישט קיין אינדיע אויס מאָטיוון פון ליבע, פון ווען באַפרייען אינדיע פון דער שווערער ענגלישער אויבערהאַנד. אָבער די קאָנגרעס־פירער זענען געגאַנגען מיט דעם כלל, „זאָל זיין אַן ערגערער פריץ, אָבער אַן אַנדערער“, דער אַלטער איז שוין צו דערעסן...

2) די שטעלונג פון קאָנגרעס צו דער ארץ־ישראל פראַגע ווערט אויספירלעך באַהאַנדלט פון א. ראובני אין זיין בוך „ג. נוהרלל נהרו וה. ג. וועלס“, וואָס איז נישט לאַנג דערשינען אין ארץ ישראל. דאָס קליינע ביכל איז אַ גרויסע בוישטויערונג צו אונזער פּאָליטישער ליטעראַטור, געשריבן מיט זאַך־קענטעניש, מיט טאַלאַנט, אונאָבהענגיקייט און מוט...



דער צווייטער פאַקטאָר, דער נישט אָנגעזעענער, נישט פאַר אַלעמען קלאָרער, אָבער גאַנץ באַדייטענדער פאַקטאָר, איז דאָ געווען „פּאַלעסטינע“. נישט די אַראַביש־יידישע פראַגע וואָס איז די פינפטע ראָד אין וואָגן פאַר ביידע קעמפנדע צדדים אין אינדיע, נאָר די גאַנצע אונערטרעגליכע לאַגע, וואָס די ענגלישע אַדמיניסטראַציע — מיט דער צושטימונג פון לאָנדאָן, אויב נישט אויף זיין איניציאַטיווע — האָט בעשאַפן אין ארץ־ישראל, פאַר וועלכן זי האָט געהאַט אַ מאַנדאַט פון דער אַמאָליקער „ליגע אָוו ניישאָנס“...

אָבער אום דאָס בעסער צו פאַרשטיין, מוז דאָ געבראַכט ווערן אַ מער וויכטיקער פאַקט, וואָס נישט אַלע האָבן אים באַמערקט און נאָך ווייניקער האָבן פאַרשטאַנען זיין באַדייטונג, אין קריפּס אונטערהאַנדלונגען מיט אינדיע אין 1942.

ווען די ענגלישע פאָרשלאַגן פון יענער צייט 3), איבערגעשיקט דורך קריפּסען, זענען באַקאַנט געוואָרן אין אינדיע, האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון דער קאָנסערוואַטיווער, אָבער גוט אינפאָרמירטער צייטונג „דעילי טעלעגראַף“ געשיקט אַ טעלעגראַמע פון באָמבעי, אין וועלכער ער מעלדעט, אַז די נייע פאָרשלאַגן פאַר אינדיע זענען ענלעך „אין גייסט און אין בוכשטאַב צו דער באַלפור־דעקלעראַציע“. צי דער קאָרעספּאָנדענט האָט געמיינט גאַנץ ערנסט מיט דער באַהויפּטונג, איז מיר נישט באַקאַנט; די צייטונג האָט דאָס אָבער אָפּגעדרוקט אויף אַ פּראָמינענטן פּלאַץ, נישט איינזעהענדיג די גאַנצע איראָניע פון דעם פערגלייך. אָבער די קאָנגרעס־פירער וואָס האָבן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל, ווי ענגלאַנד שאַפט פאַר די אידען „אַ נאַציאָנאַלע היים“ האָבן זיך געכאַפּט בייצייטנס און האָבן איינגעזען די גאַנצע לעכערלעכקייט פון דעם פערגלייך... „אויב ענגלאַנד“ — האָבן די קאָנגרעס־פירער מן הסתם געטראַכט ביי זיך אַליין — „גייט אויספירן די נייע הבטחות בנוגע אינדיע „אין גייסט און בוכשטאַב פון דער באַלפור־דעקלעראַציע“, איז דאָך אומזיסט די גאַנצע אַרבייט פון פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַזאַ רעגירונג און בעסער זיי פאַרוואַרפן פון אָנהויב אָן“... פּאַלעסטינע איז געווען דער לעצטער לעבעדיקער ביישפּיל, וואָס האָט באַשטעטיקט די שאַרפע ווערטער פון אַן ענגלישן פּאָליטיקער 4) „אור טראַדישאָן איז טו מעיק פּראָמיסעס — אור פּאָליסי איז טו ברעיק טהעם“ — (אונזער טראַדיציע איז צו מאַכן הבטחות, אונזער פּאָליטיק איז זיי צו ברעכן). און די אינדישע פירער, פּראַקטישע מענטשן מיט פּראַקטישן שכל־הישר, וועלכע האָבן שטענדיק נישט געהאַט קיין איבריק גריוסן גלויבן אין ענגלאַנדס גוטן ווילן פאַר

3) פאַרעפנטלעכט אין דער ענגלישער פּרעסע דעם 29־טן מערץ 1942.

4) דאָס וואָרט ווערט צוגעשריבן צו טשוירטשלען, אָבער זיכער אין דעם בין איך נישט.

אַנדערע, שוואַכערע פעלקער, האָבן דאָ געהאַט אַ לעבעדיקן ביישפּיל, ווי ענגלאַנד האַלט וואָרט, ווי אַ „דזשענטלמענס־אַגרימענט“ ווערט אויסגעפירט אין דער ווירקלעכקייט...

פון דעמאָלט אָן זענען געמאַכט געוואָרן נאָך צוויי פּראָבן — איינמאָל נאָך אין די לעצטע טעג פון דער קאָאַליציאָנס־רעגירונג פון טשוירטשיל און דאָס צווייטע מאָל שוין יעצט ביי דער אַרבעטער־רעגירונג, ביידע מאָל דורך דעם שני־למלך פון אינדיע גענעראַל ווייוועל, אַ מענטש מיט עהרליכע, גוטע כוונות — און ביידע מאָל אָן דערפאָלג, אַלץ צוליב דעם אונצוטרויען, וואָס די קאָנגרעס־פירער האָבן צו דער ענגלאַנד פון נומער 10 דאַאונינג סטריט....

אָבער נאָך אַן ענדערונג — דאָס מאָל שוין נישט בנוגע יידן, נאָר בנוגע ענגלאַנד גופא — איז פאָרגעקומען אין צייט פון מלחמה אין דעם מוסולמענישן לאַגער אין אינדיע. זעענדיק, אַז ענגלאַנד שטיצט זיך אין אַלע אירע נ י י ע פאַרשלאַגן אויף זיי און וויל נישט טון גאָר נישט געגן זייערע פאָדערונגען פון גלייכע פּלעצער אין דער ניי־געפּלאַנטער רעגירונג פון אינדיע, האָבן די מוסולמענער פעררייסן דעם קאָפּ און האָבן שוין גענומען זאָגן דעות אפילו אין זאַכן וואָס זענען נוגע ענגלאַנד גופא. די ערקלערונג, וואָס דזשינאַ, דער מוסולמענישער פירער, האָט געמאַכט אין אינדיע, „הענדס אָף טהי מופטי“ (איר זאָלט זיך נישט דערוועגן אָנצורירן דעם מופטי), און וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין דער גאַנצער ענגלישער פּרעסע, כמעט אָן קאָמענטאַרן, איז נישט נאָר אַ שטיק חוצפה, נאָר איז אַ פּאַטש אין פּנים פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס ווייס גאַנץ גוט וועגן דעם מופטים אַנטי־ענגלישער פּאָליטיק, און וואָס האָט אפשר געהאַט בדעה אַריינצונעמען אָט דעם געלען פירער פון די הייליקע צווישן די דייטשישע מלחמה־פאַרברעכער, וועלכע שטייען יעצט פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן משפט אין נירענבער. און זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז דער „שטאָלצער ענגלענדער“ האָט געמאַכט אַ שווייג וועגן אָט דעם שפּיי אין פּנים אַריין און די ענגלישע פּרעסע, וואָס איז אַזוי נייגעריק צו אָפּהיטן דעם ענגלישן כבוד, האָט ווי שטענדיק נאָכגעפאָלגט די אינסטרוקציעס פון „פאָריען־אָפּיס“ און איז אַריבערגעגאַנגען צום סדר־היום פון אַנדערע פראַגן... ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס מן־הסתם אויך אַ כלל פון דעם „בעגאַבטן קאַלט־שכלדיקן פאָלק“ — ווי זשאַבאָטינסקי האָט זיי כאַראַקטעריזירט ? אָדער, בעסער געזאָגט, פון זיין סוחרישער רעגירונג, אַז כל־זמן מען האָט אין עפּעס אַ פּראַקטישן אינטערעס, מאַכט נישט אויס, אַז מען שפּייט דיר אין פּנים אַריין...

---

נאָך אינדיע, וועמענס פּראַגע איז נאָך אַלץ נישט געלייזט געוואָרן, כאָטש מיר האָבן שוין ברוך השם אַ נייע אַרבעטער רעגירונג, האָט די מלחמה אַרויסגעבראַכט די פּאַלעסטינע פּראַגע, בעסער געזאָגט די יידישע פּראַגע אין איר גרויזאַמער ווירקלעכקייט, וואָס זוכט אַ רעטונג אין ארץ ישראל. מיליאָנען



געהרג'עטע, הונדערטער טויזנטער היימלאָזע, וועלכע האָבן נישט וואוהין צו גיין און ווילן נאָר נישט גיין זוכן אַ ניי לעבן אויף די אַלטע ערטער, וואָס זענען פול מיט היטלער־סם, האָבן אוועקגעשטעלט פאַר דער וועלט די יידישע פּראַגע, צו וועלכער מען האָט זיך פריער באַצויגן האַלב ערנסט, און איר גאַנצער שוידערלעכקייט.. מען קאָן שוין מער די יידישע פּראַגע נישט פאַרשווייגן און מען קאָן שוין נישט נאַרן אפילו די ציוניסטן פון דר. חיים וויצמאַן'ס חדר מיט די אַלטע דריידלעך פון „צייטווייליקע“ מיטלען, וואָס האָבן דעם צוועק צו וואַרפן אַ ביסן, אַביסל צו באַרוהיקן די געמיטער און אין תוך גענומען איבערלאָזן אַלץ ביים אַלטן. די ענגלישע פּרעסע וואָס האָט מיט זער קליינע אויסנאַמען פאַרשוויגן אונזערע מלחמה־קרבנות אויף אַזויפיל, אַז זי האָט געבראַכט צו אַן אָפענעם פּראָטעסט פון דעם געערטן טשיף־רבי. דר. הערץ ז"ל, אויף דעם גרוסן מיטינג אין דער „אַלבערט האָלל“, מוז שוין יעצט באַרירן די פּראַגע. און אין די צייטונגען פון זונטאָג דעם 30-טן סעפּטעמבער 1945 פאַרנעמט די יידישע פּראַגע דעם אויבנאָן, אפשר אַ דאַנק דעם פאַקט וואָס אַמעריקע וויל, אַז מען זאָל עפענען די טויערן פון ארץ ישראל פאַר דערגרויסער יידישער אימיגראַציע און די ענגלישע רעגירונג וויל שלאָגן קאַפּיטאַל פאַר אירע אייגענע צוועקן אין אירע באַציאונגען מיט אַמעריקע און הויבט זיך אָן דינגען, — ווי עס מאַכן דאָס די ציגיינער אויפן יריד — אָנהויבנדיק מיט אַ שיבוש, מיט 1500 אימיגראַנטן אַ חודש...

---

ווי עס זאָל נישט זיין זענען ביידע פּראַגן,, פון אינדיע און פון פּאַלעסטינע — דערווייל נישט געלייזט געוואָרן און וועלן מן־הסתם פאָלשטענדיק אַזוי גיך נישט געלייזט ווערן, פאַרבלייבנדיק אַ פאַרכשופטער קרייז, פון וועלכן עס איז אויפן מאָמענט נישטאָ קיין אויסוועג... אָבער דאָך האָט זיך עפּעס אַ ריר געטון אין דעם צוזאַמענשטעל פון די צוויי ווערטער „אינדיע און פּאַלעסטינע“ וואָס האָט אַמאָל געמיינט איינס און היינט מיינט דאָס שוין נישט דאָס זעלבע...

עס האָט זיך אפילו נישט געחלומט אָט די שליחים פון ענגלישן „קאָלאָניאַל־אָפּיס“, וועלכע זענען געגאַנגען קיין ארץ־ישראל מיט דער אַלטער טאַקטיק פון „צעטייל און באַהערש“ (צוטייל די אַראַבער און די יידן, שפּילן מיט איינעם קעגן צווייטן, און בלייבן בעלי־בתים אין לאַנד), אַז עס וועט קומען אַ צייט און די אַלטע טראַגישע שפּיל וועט אויסגענוצט ווערן קעגן ענגלאַנד אַליין אומעטום וואו זי וועט קומען אפילו מיט גוטן ווילן צו מאַכן רעפאָרמען און וועט אָנשטעקן מיט אונצוטרוי צום ענגלישן וואָרט, צו ענגלישע פּאָליטישע הבטחות כמעט דעם גאַנצן ערד־קוגל, פון די ברעגן פון פּאַציפיק ביז די אוראַלער בערג....

„די וואָס זייען שטרוי, שניידן ווינט“ — אָט דעם מאמר פון תהלים האָבן פאַרזען די ענגלענדער, וואָס רעכנען זיך, און אפשר מיט רעכט, פאַר

דעם ביבל-פֿאָלק. די ענגלישע פּאָליטיק אין ארץ ישראל, וועלכע די יידן אין זייער גרויסער ענטוישונג און שווערער שעה האָבן אַוועקגעשטעלט נאַקעט פֿאַר דער גאַנצער וועלט, הויבט שוין אָן צו ווירקן אויף זייער אייגן וועלטל און עס איז נאָך שווער צו זאָגן, וואָס פֿאַר רעזולטאַטן זי וועט האָבן אין דער צוקונפֿט פֿאַר דער גאַנצער ענגלישער אימפּעריע....

## נחום שטענצעל

## זאַלץ איז גוט — נאָר אויפֿן שפּיץ מעסער...

(אַ פֿעליטאָן)

ווער פֿון אונז חדר־ייִנגלעך האָט עס נישט אַ מאָל באַהאַלטענערהייט מיטגעפֿילט מיטן ביטערן גורל פֿון לוט׳ס פֿרוי, נעבעך, וואָס עס איז פֿון איר פֿלוצלונג געוואָרן אַ שטיק זאַלץ, בעת זי האָט געקוקט הינטערווײַלעכץ אויף סדום, ווען דער מלאך האָט זי מיט איר מאַן און צוויי טעכטער, אַרויס־געפֿירט אין גאַלאָפּ פֿון דער ברענענדיקער שטאָט; אמת טאַקע, אַזוי ווי דער רבי אונזערער האָט אונז געזאָגט: וואָס פֿאַר אַ „ביזנעס" האָט זי, פֿרוי לוט, געהאַט צו קוקן הינטערווײַלעכץ אויף סדום, בשעת די מלאכים האָבן זי פֿריער געהאַט געוואָרנט זיך נישט אומצוקוקן? אָבער וואָס קען מען פֿאַראיבל האָבן אויף אַ פֿרויענצימער; ווער קען דען וויסן פֿאַרוואָס זי האָט זיך אומגעקוקט? סוף כּל סוף האָט זי דאָך, מסתּמא, אָפּגעלעבט אַ לעבן אין סדום, איר סדום, און דאָ קומען עפּעס אָנגעפֿלויגן צוויי מלאכים, וואָס קיינער ווייס נישט זייערע גוטע יאָר, און הייסן זיי לויפֿן, איבערלאָזן האַק־און־פּאַק, ערגעץ אין אַ פֿרעמדער וועלט; מ׳קען זיך פֿאָרשטעלן איר האַרץ. זיך געלעבט ממש ווי גאָט אין פֿראַנקרייך — כּ׳מיין אין סדום — איין איינציקע יידישע משפּחה, און דווקא נישט קיין ספּעציפֿיש יידיש־קלינגנדיגער נאָמען... — אַשטייגער, איין יידישע משפּחה אין גאָלדערס־גרין — רעספּעקטירט פֿון אַלע גויים, הגם מ׳האָט נישט איין מאָל זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי זענען „עליענס"... און דאָ, פּלוצים מוז זי איבערלאָזן ס׳גאַנצע מלכות. זאָל זי זיך נישט אומקוקן כאָטשיק איינמאָל אויף איר טייער סדום? זי איז דאָך עפּעס אַ הויז־פֿרוי; אפשר האָט זי גראָד אַ טראַכט געטון וועגן דעם טייערן פּערסישן „קאַרפּעט", וואָס זי האָט צוריקגעלאָזן אינדערהיים, די „פּערניטשער", אָדער וועגן אירע יוגנט־צייט...

מילא, איר מאַן, מר. לוט, אַ מאַנספּערשוין ווי אַלע מענער, ליב געהאַט אַ כּוסה אויך, האָט ער זיך מסתּמא מיטגענומען אַ פּלעשל יי״ש אי זטאַש און געלאָפֿן; אַ דאגה האָט ער, זאָל אַלץ פֿאַרברענט ווערן.

אָבער קיין רחמנות איז ביי מלאכים נישט פֿאַראַנען, זיי ווייסן נישט פֿון קיין מענטשלעכקייט; מרס. לוט האָט זייער וואָרנונג נישט געהאָרכט, איז



זי געוואָרן אַ שטיק זאַלץ. און מלאכים וואָרענען נאָר איינמאָל, נישט מער... איין מלאך האָט געהאַט אַשליחות צו וואַרפֿן אַן׳אַטאָם באָמבע אויף סדום — גפרית ומלח — און דער אַנדערער, צו ראַטעווען די משפּחה לוט; טענה׳ן טוען זיי נישט.

די מעשה וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן מיט מרס. לוט האָט אַ מוסר־השכּל פֿאַר אונז יידן. אויף אונזער לאַנגען גלות־וועג האָבן מיר כּסדר געמוזט לויפֿן פֿון די פֿאַרשידענע סדום׳ס. נאָך סדום איז געווען יציאת־מצרים — מיט וועלכן אונזער „פּריינט", גענעראַל מאָרגאַן האָט לעצטנס פֿאַרגליכן דעם איצטיקן יציאת־אייראָפּע — דעמלט האָט אונזער פּריינט בעווין — ענטשול־דיקט, כּ׳מיין פּרעה — ממש געבעטן מיר זאָלן בלייבן אין מצרים. און אין דער אמת׳ן, וואָס האָט אונז דען דאָרטן געפֿעלט, געהאַט גוטע קאַרפּן־קעפּ אפילו אינדערוואָכן — זכרנו את הדגה — געהאַט אונזערע אייגענע געטאָ, אייגענע יוניפֿאָרם, אייגן לשון... ממש אַ מלוכה אין אַ מלוכה; בלויז עבדים האָבן מיר געמוזט בלייבן. מאי כּולה האי? מיר האָבן בלויז געבויט אַ פּתום ורעמסס — פֿאַר יענעמסוועגן, און דאָך זענען מיר געגאַנגען. אָבער אַלץ הייסט געגאַנגען; נישט געווען פֿון די קליינע זאַכן; האָבן מיר דאָך אָבער דעמלט געהאַט אַ גוטן מנהיג. ווי איז דעמלט געווען צו די וואָס האָבן געקוקט הינטערווײַלעכץ. ס׳איז פֿון זיי אַלעמען געוואָרן אַ שטיק זאַלץ.

שפּעטער זענען מיר געגאַנגען פֿון בבל; אויך געהאַט אַ נישקשה׳דיקן מנהיג און שפּעטער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער גרויסער גלות וואָס האַלט נאָך איצט אָן. דאָ זענען מיר שוין געלאָפֿן איבער דער לענג און ברייט פֿון אייראָפּע. סדום — שפּאַניע; סדום — דייטשלאַנד; סדום — פּוילן; זיי האָבן אַלע געהאַט דעמזעלבן סוף ווי סדום ועמורה. און איצט — מאָרגאַן איז גערעכט — שטייען מיר פֿאַר דעם 2-טן עקסאָדוס, יציאת־אייראָפּע; דער 2־טער, ווייל איצט, ווי יציאת מצרים, גייען מיר שוין נישט מיט קיין אַנדער ציל ווי קיין ארץ ישראל; און אויך מיט געוואַלט; מיר מוזן ווידער אַ דורך דורכן „רויטן־ים" — אַ ים מיט בלוט — און מכּות באַקומען זיי אויך דאָס מאָל; אויב דאָס וועט נישט זיין גענוג, הענגט די אַטאָם־באָמבע אין דער לופֿטן, וועט אויף סדום קומען אַ פֿרישער „גפרית ומלח"; אָבער דערווייל שרייט נאָך אַלץ דער מאָדערנער פּרעה — מר. בעווין — למען השם, מיר זאָלן דאָך בלייבן אין אייראָפּע, מען ברויכט אונז דאָרט האָבן... ממש ווי זאַלץ... אָבער זאַלץ איז נאָר גוט אויפֿן שפּיץ מעסער... יידן זענען דאָך טאַקע דאָס „זאַלץ פֿון דער ערד" (משמנה ומסלתה), אָבער זיך פֿאַרזאַלצן, אפילו זייער „בשר־קוויטש", ווילן זיי אויך נישט... איז דערפֿאַר — אַזוי ווי בעווין זאָגט: „פּאַוואָלענקע, יידעלעך, שטופּט אייך נישט די ערשטע פֿון דער „קיו", ווייל מ׳וועט דאָס נישט ליידן! איר האָט דאָך שוין געזען וואָס מ׳האָט מיט אייך געטון, ווייל איר האָט ממש פֿאַרזאַלצט אייראָפּע"... אָבער אַביסעלע זאַלץ — דאָס מוז מען דאָך האָבן ממש מיטן לעבן, מיר קענען אייך דערפֿאַר

נישט אַרויסלאָזן פון אייראָפּע, איינס נאָר, איר מוזט בלייבן עבדים און העלפן בויען דאָרט פּתום ורעמסס אַסך".

אָבער די שארית־הפלטה פון אייראָפּע באַדאַנקט זיך זער ביי מר. בעווין-פרעה און שרייט בקול אחד: „בנעורינו ובזקנינו נלך" — מיר ווילן נישט מער זיין דאָס „זאַלץ פון דער ערד" פאַר אייער קעלבאַס, בכדי עס זאָל אייך בעסער שמעקן!

און ווי וועט זיין די וואָס וועלן נישט דערהערן דעם רוף פון דער צייט, וואָס וועלן נישט דערהערן די וואָרנונגען פון די מלאכים, נישט צו קוקן אויף הינטערוויילעכץ, אויף סדום־אייראָפּע, ווייל אַז נישט, וועט פון זיי ווערן אַ שטיק זאַלץ...

און מלאכים האָבן אַ טבע אַז זיי לאָזן נישט מיט זיך טענהן; איינמאָל געוואָרנט, און פּטור, ווער עס האָרכט ווערט אַנטרונען, ווער נישט...

מלאכים, אפילו גוטע, וואָרענען נאָר איינמאָל, נישט מער...

## יעקב שמואל טויבש

### ערשטער שניי

אַ גרא־געמאָלטער הימל
און, ווי פאַרשטאַרט, די וועלט;
עס שניידט אין הויט און ביינער,
די לופט — צעקאָכט פון קעלט.

ביי נאַכט האָט שאַרף געצויגן;
דעם אַנדערן מאָרגן — זע! —
דורך די פאַרהויכטע שויבן
שיט זיך — דער ערשטער שניי — —

### שיטערער שניי

אַ ווינטער־מאָרגן, ביטער קאַלט,
האַלט איינגעקייט די גאַס;
און אין די ליפּטן קויקלען זיך
נאָר פליאַכעס, איינציקווייז,

מיטהאַלטנדיק מיט יעדן ווינט,
מיט יעדן צוק און דריי — —
עס שפּילן זיך אין כאַפּערלעך
די ווינטן מיט דעם שניי.



### שניי ביינאַכט

די קעלטן האָבן אויפגעהערט,
געפאַלן איז דער פראָסט;
די מילדע, קלאָרע נאַכט, זי האָט
דעם פאַנצער נאָכגעלאָזט.

די שטערענדלעך צעבלישטשען זיך
און פלימערן מיט פרייד;
אַ שניי — אין בלאָער ווינטערנאַכט —
שיט זיך געדיכטערהייט...

### ווינטער ליד

אונטער כמאַרעס, טונקלגראָע,
איז דאָס הימל־צעלט דאָס בלאָע,
ווי מיט שאָטנוועגט פאַרשטעלט.
שניידנדיקע ווינטן בלאָזן,
זענען, פלוצים, אַלע שטראָזן,
איז באַדעקט מיט שניי — די וועלט!

מיט די שנייאלעך, די צאַרטע
באָרען זיך די איינגעשפּאַרטע
ווינטן, אין אַ שטומער שלאַכט.
בליצט די זון איז, דאַכט זיך, ציטערט
אין אַ שפּיל דער שניי, פאַרביטערט
אָבער ווערט דער קאַמף ביינאַכט.

איבער טונקלע שליאַכעס טראָגן
זיך די ווינטן; ברויזן, יאָגן
מיט געפילדער, מיט געשריי.
נאָר דער שניי, צעשטויבט, צעפלאַשעט,
שטאַרקט זיך ווידער און ער פּראַשעט,
שיט און פּראַשעט אַלץ אויפסניי.

ביז די שלאַכט איז ניט פאַראיבער,
אַ פּוכאַווע דעק בלייבט איבער
און דער ווינט פאַרמאָרעט זיך.
ליגט אַ טעפּיך, ווייס ווי קאַלעך
און — אַ גוטן שטיק מהלך —
שטאַמפּן קרישנע שניי — די שיך!

## דוד זיידענפעלד

# צוויי סאָנעטן

1

פון פּנים ד'פאַרבן פאַרלירט שוין דער טאָג,
אין אַ זאַק פאַלט אַריין זיין ליכטיקער צויבער,
הענגט אויפן הימל מיט שטערן אַ קויבער,
אַ בענקשאַפט מיין האַרץ נעמט אַרום מיט אַ נאָג.

הער איך פון יענער וועלט קומט אַ געזאַנג
און שאָטנס זיך שטופּן מיט אַ געדראַנג,
אויסשפּרייטן אויף ד'ערד זייער טונקל געוועב;
לאָזט זיך צו מערב אַ קרעכץ מיט אַ שוועב.

אַ פויגל אַהיים צו זיין נעסט פליט צוריק,
אַריין נעמט די נאַכט דעם טאָג אין איר בעט,
זיפצט און שלעפערט אים איין מיט אַ גלעט,

טרייסט און באַשיט אים מיט שטערן איר גליק.
אַ ווינטל צוקאָפּנס: אַ חלום פון ליכט
רוימט אים, פון יענער וועלט איין אַ געדיכט.

2

אויפן הימל די זון געכאַפּט האָט דעם בליץ
און אים פאַרברענט מיט זיינע זיג־זאַגן.
מיט רויט און מיט בלאָ מיט געל און מיט גרין,
אַרויס אויף דער וועלט שפּאַצירט מיט אַ קראַגן.

זענען מיט שופּן גינגאָלדענע פיש,
געבענטשט און די בייכער, מיט רויגן,
אַרויס פונם ים מיט אַ צאַפּל געפלויגן.
אַרויף צו דער קעניגין זון מיט אַ קוש,

אַריין מיט אַ שפּרונג אין איר ראָד, מיט אַ שפּריץ,
געשפּאָלטן אַ וואָלקן מיט אַ גאָלדענעם שפּיץ,
געשפּרונגען אַריין אין דעם רעגן־בויגן.

ברוגז'ע חמאַרעס מיט אַ טרויעריק געשטאַלט,
אויפגעלעבט האָבן מיט אַ ליכטיקן שפּאַלט,
מיטן ים זיך צעלאַכט און נחת געזויגן.



## מ. נאָטאָוויטש

# די לענין געשטאַלט

# אין דער יידישער סאָוויעטישער ליטעראַטור

קיינמאָל האָט ער טויט־מאָטיוו נישט אַ קלונג געטון אַזוי טראַגיש אין דער ליטעראַטור ווי אינם טאָג פון איין און צוואַנציקסטן יאַנואַר, 1924. טיף רירנדיק האָט די יידישע ליטעראַטור זיך אָפּגערופן אויף לענינס טויט. מיט פּראָסטע און האַרציקע ווערטער, וואָס רודערן אויף דאָס געמיט, דערציילט איציק פעפער וועגן דער שוואַרצער ידיעה, אָס האָט זיך געטראָגן פון „מויער צו מויער, פון לענדער צו לענדער, און ביי וואָכיקע מענטשן געווינטערט דאָס לייב און געפראָסטיקט דאָס האַרץ און געלאָשן די אויגן“. גרויס איז דער ווייטיק ביי די וואָכעדיקע מענטשן. נאָר זייער ווייטיק ווערט גע־טרייסט מיט דעם, וואָס „לענין איז דאָ מיט אַלע און ביי אַלע, וואָס לענין לעבט אין זייער הייסן בלוט“, וואָס עס איז דאָ אַ גרויס און ריזיק לענין־לאַנד, עס איז דאָ אַ פאָלק, וואָס טראָגט פעסט, „לענינס פאָן אין האַנט“.

„היינט זענען אונזערע פאָנען רויטער און הייליקער איז אונזער צאָרן“, אַזוי שרייבט ליפע רעזניק אין זיין ליד איין און צוואַנציקסטער יאַנואַר, 1924. דעם זעלבן מאָטיוו טרעפן מיר ברייט פונאַנדערגעוויקלט אין די לידער פון אַ קושניראָוו, ראָזין, אָלעווסקי און ביי אַ סך אַנדערע יידישע סאָוויעטישע דיכטער. אין די דאָזיקע לידער ווערט געשילדערט ווי דאָס סאָוויעטישע פאָלק



לענין ביים שרייב־טיש געמאָלן פון ל. בראָצקי.

האָט איבערגעטראָגן לענינס טויט, ווי מען טראָגט איבער אַ שווערן נסיון און איז אַרויס נאָך מער פאַרהאַרטעוועט, נאָך מער געלייטערט, מיט נאָך גרעסערע אחריות פאַר יענע גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבן, וועלכע עס האָט געשטעלט לענין.

בריטע פּרוּוון צו שילדערן די לענין-געשטאַלט קענען פאַרצייכנט ווערן כמעט אין אַלע זשאַנערן פון דער יידישער סאָוויעטישער ליטעראַטור. אַ באַזונדערער פאַרדינסט אין פאַרנאַנדעראַרבעטן די לענין-געשטאַלט געהערט דעם העלדיש אומגעקומענעם דיכטער מ. כאַשטשעוואַצקי. מיט גרויס ליבע האָט ער געאַרבעט איבער דער ריזיקער לענין־געשטאַלט. כאַשטשעוואַצקיס פּאָעמע שילדערט ווי „אַ מענטשלעכער לעבן איז אַ דורך פון ווינגל ביי דער וואָלגאַ און ביז צו גאָרקי אויף דעם שמאָלן בעט, און ס׳וועט זיין ליכטיק בילד שוין בלייבן אומפאַרמעקט, אויף צייטן ווייט, אויף דורות אויף אומצאָליקע."

אין כאַשטשעוואַצקיס פּאָעמע „לענין", אין וועלכער עס פלעכטן זיך איבער לירישע מיט עפּישע עלעמענטן, ווערן געשילדערט די גרונט־מאָמענטן פון לענינס לעבן. הינטער די פּאָעטישע בילדער פון כאַשטשעוואַצקיס פּאָעמע שטייען די גרויסע היסטאָרישע פאַקטן און דאָקומענטן פון לענינס ביאָגראַפיע, וועלכע דער שרייבער האָט טיף שטודירט און זיך פון איר באַגייסטערט.

אין דוד בערגעלסאָנס ראָמאַן ‚ביים דניעפּער' ווערט לענין דערמאָנט נישט איינמאָל. „וואונדערלעך האָט ער, פּיענעק, געזאָגט צו אָלגאַן וועגן לענינען: אין סיביר, בעת ער איז דאָרט געווען פאַרשיקט, האָט ער געלערנט פּויערים שפּילן אין שאָך, געגעבן אומזיסטע בוכהאַלטעריע־אוראָקן דעם דאָרפישן קרעמער ביי וועמען ער פלעגט קויפן פּאַפּיר און אין דער זעלבער צייט געשריבן די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד. פּשוטקייט און גרויסקייט! אַ שטריך פונם פּראָלעטאַרישן זשעני."

וועגן דער קראַפט און רעוואָלוציאָניזירנדיקער ווירקונג פון לענינס ווערק דערציילט אויך מ. דניאל אין זיין בוך „יוליוס". יוליוס ברענגט יאַנקל מאַראַט לענינס מלוכה און רעוואָלוציע. „מיטן באַקומענעם בוך האָט ער נישט געוואָלט זיך שיידן. אויף שטורמישע פאַרזאַמלונגען, אויף שטילע זיצונגען, אומעטום האָט דאָס בוך אים באַגלייט. צווישן טונקעלן און געדריכטן שריפט, צווישן די ענגע שורות האָט יאַנקל אַריינגעשריבן נייע, אייגענע. די געלע בלעטלעך זענען געווען צעווירעט פון זיין רויטן בליישטיפט. אויף די ליידיקע ערטער האָט ער איינגעקריצט זיין באַגייסטערונג פאַר לענינען. גאַנצע קאַפּיטלעך האָט ער פאַרגעדענקט אויף אויסווייניק, זיך אומגעטראָגן מיט זיי צווישן די קרינגסנעפּאַנגענע און אַלעמען פאַרשריגן: זי איז די לעצטע רעוואָלוציע, די לעצטע! אָט לייענט."

לענינס זאָרג און ליבע צו קינדער ווערט רירנדיק שיין איבערגעגעבן



אין עזרא פינינבערגס פּאָעמע „טעלעגראַמעס".

אַן אַלטער ייִד אַ סטאָליאַר שרייבט לענינען אַ בריוו. נאָך דעניקינען זענען זיי געבליבן אין צווייען, ער און זיין קינד צאַליק. געבליבן אָן נאַכטלעגערס און אָן אַ העמד. עס מאַטערט זיי דער הונגער. נישטאָ קיין דאַך, נישטאָ קיין בעט, נישטאָ קיין שיך. דער אַלטער סטאָליאַר בעט לענינען: „לענין, ווי נאָר ס׳קומט די בריוו צו הענט צו דיינע אָן, פאַרשטיי ווי ס׳איז דער בייזער וואונדער גרויס, באַפעל אַהערצו באַלד, מען זאָל אַריינעמען דעם קליינעם צאַליקן אין אַ קינדערהיים."

דער איספּאָלקאָם האָט באַקומען אַ טעלעגראַם: „תיכף אָפּזוכן דעם אַלטן סטאָליאַר און נעמען זאָל מען באַלד ביי אים דאָס קינד אין קינדערהיים אַריינעמען געשווינט, כאָטש אַלע קינדערהיימען פול שוין זענען. אויף טעלעגראַם געווען אַ חתימה — לענין."

און ווייטער. איבער די הונגעריקע שטעט הרוב געוואָרענע דורך דעניקין און אַנדערע שׂואים פון דער ראַטן־מאַכט, פאָלגן אַרום ציגיינער מיט אויסגעשטרעקטע הענט: „גיט אונז רעפּטלעך ברויט און גיט אַ דירה." דער איספּאָלקאָם באַקומט אַ טעלעגראַם „איספּאָלקאָם! קינדער פון ציגיינער, צעטייל זיי באַלד אין קינדער־הייזער דיינע. צעטייל זיי באַלד, מעג דונערן, מעג ברענען! אויף דער טעלעגראַם געווען אַ חתימה — לענין"

לענינס גרויסע ליבע צו קנדער דערציילט אויך ה׳ אָרלאַנד אין זיין דערציילונג „אַ גאַסט". אין אַ קליין קרום שטיבעלע האָבן אָן טאַטע מאַמע געלעבט צוויי קינדער יאָהאַן און מאַרקאָ. און איינמאָל קומט צו זיי אַ מענטש. דער מענטש מיט די האַלב פאַרמאַכטע, דורכדרינגנדיקע אויגן מיט ברייטן, אָפענעם שטערן, האָט מיט אַ ליבן שמייכל אַ פרעג געטאָן „קינדערלעך וואו איז טאַטע-מאַמע? דערפילט זיך יאָהאַן עפּעס מאָדנע. פּאָטעריש האָט די פראַגע פונם ווינקל זיך דערהערט. האָט דאָס קינד אַ כליפּע געטון, דאָס שווערע לעבן האָט זיך אָנגערופן, דער גרויסער עלנט דאָ אין שטיבעלע. אויף דער מלחמה דער טאַטע? ער וועט צוריקקומען, אין גיכן קומען. גלויבט זיך אַזוי אין די וואַרימע ווערטער פונם גאַסט."

ביינאַכט, ווען די קינדער זענען איינגעשלאָפן, האָט דער גאַסט שטיל פאַרלאָזט דאָס שטיבעלע. ווען מ׳האָט אין גיכן יאָהאַן און מאַרקאָ געבראַכט אין קינדער־הויז, האָט אויף זיי פון וואַנט גוטמוטיק אַראָפּגעקוקט דאָס באַקאַנטע בילד פון זייער גאַסט. דאָס איז געווען לענין.

מיט איר סוזשעטן — פאַרטראַכט געבוי און סטיל דערמאָנט אָרלאַנדס קליינינקע דאַרשטעלונג אין די שיינע, פאָלקסטימלעכע מענטשלעך וועגן לענינען מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך דאָס פאָלקס־שאַפן.

דעם לייטמאָטיוו פונם געזאַנג וועגן לענינען אין דער יידישער ליטעראַטור אין די פון דער פאָטערלענדישער מלחמה וואָלט מען געקענט פאָרמולירן מיט די ווערטער פון לייב קוויטקאָס אַ לענין־ליד. „דער ליכטיקער נומער,

און אייביק פֿאָלק וואָס איז פֿאַר בשעת און איצט נאָך 1946 יאָרן, ווייטער נעקרייציקט געוואָרן.

*     *     *

וואָלט אונטער מיין האַנט געלעגן אַ ראָמאַן אָדער אַ טראַגעדיע פֿאַר אויפֿגעפֿירט צו ווערן אויף דער בינע, וואָלט עס לייכט געווען זיך אריינצולאָזן אין אַן אַנאַליז אויף אויפֿצווייזן דעם סטיל, דעם איינפֿלוס, די היסטאָרישע אונטערלאַגן און אַלץ וואָס באַאיינפֿלוסט און אינספּירירט אַ שרייבער ביים צוגרייטן און אָנשרייבן זיינעם אַ בוך. אַנדערש איז עס אין דעם פֿאַל דאָ דערפֿאַר וועלן מיר לאָזן רעדן אויסצוגן און דווקא די שוואַכערע פֿון יעדן טייל אין „ווילנער געטאָ": אין ערשטן טייל וואָס איז די פֿאָרגעשיכטע פֿון ווילנער געטאָ ליינען מיר אויף זייט 17 אין קאַפּיטל א.ג. „דער ערשטער יודען ראַט":

„דעם 4־טן יולי איז אַריינגעפֿאָרן אויפֿן שול-הויף אַ טאַקסי און צוויי דייטשן מיט ביקסן אויף די אַקסלען האָבן באַפֿוילן אַרויסרופֿן דעם ווילנער רב. עס איז צו זיי אַרויסגעקומען דער שטאָט־שמש חיים מאיר גאָרדאָן, אַ הויכער שיינער ייד מיט אַ ווייסער באָרד. „דו ביסט עס דער ווילנער רב?" האָט איינער פֿון די דייטשן אָנגעשטעלט אויף אים די ביקס. גאָרדאָן האָט געענטפֿערט, אַז ער איז בלויז אַ שמש; דער ערשטער רב, רובינשטיין, איז אין אַמעריקע, און דער צווייטער רב, חיים מאיר גראָדזענסקי, איז געשטאָרבן.

— אויב אַזוי, — האָבן די דייטשן געמאָלדן דעם שמש, — ביסטו דער רב. ביז מאָרגן דאַרפֿסטו אויפֿשטעלן אַ יידן־ראַט.

„עס איז גערופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די ווילנער כלל-טוער, אונטערן פֿאָרזיץ פֿון דעם אַלטן און גוט באַקאַנטן דר. גערשוני. גערשוני האָט דערקלערט, אַז די וועלכע מען וועט אויסקלייבן אין יידן־ראַט, טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן. עס איז געגליכן ווי זיי וואָלטן ג ע ג א נ ג ע ן אויף ק י ד ו ש ־ ה ש ם. און ער האָט זיך ביטער צעוויינט. אין יידן־ראַט זענען אויסגעקליבן געוואָרן 16 פּערזאָן. צווישן זיי: דר. יעקב וויגאָדסקי, הרב שוב, אליעזר קרוק, אַדוואָקאַט פּנחס קאָן, פּרוי דר. שאַבאַד, סאול טראָצקי און דער באַנקיר לאַנגבראָט. פֿאַרן פֿאָרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן אינזשינער סאול טראָצקי.

דער יידן־ראַט האָט זיך אַריינגעקליבן אויף סטראַשון־גאַס 6, אין בנין פֿון דער געוועזענער ביבליאָטעק, „מפיצי־השכלה".

דאָס ערשטע וואָס איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויפֿן יידן־ראַט איז — צונויפֿזאַמלען דאָס גאָלד און ווערטזאַכן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג.

„ווי נאָר עס זענען אַריין אין ווילנע די דייטשן, האָט נאָך געפּרוווט אָנגורטן זיינע כחות דער אַלטער ווילנער כלל־טוער, דער געוועזענער פֿאָרזיצער פֿון דער ווילנער יידישער קהלה דר. יעקב וויגאָדסקי.

„צו 85 יאָר איז אים באַשערט געווען צו זען דעם האַקענקרייץ איבער



זיין היים-שטאָט. ער איז שוין געווען קראַנק, קוים וואָס נעגאַנגען. ווען די נייע מאַכטהאָבער האָבן אָנגעהויבן זייער מאָרד איבער דער יידישער באַפֿעלקערונג, זענען צענדליקער און הונדערטער מענטשן געלאָפֿן צו וויגאָדסקין. ביי דעם האָט מען אַוועקגערויבט אַ זון, ביי יענעם — אַ טאַטן, זאָל ער ווי אַלעמאָל זיי העלפֿן, זיי ראַטעווען.

„דער קראַנקער וויגאָדסקי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון בעט, אָנגעטון זיינע שוואַרצע קליידער מיט די אָקערשט אָנגענייטע לאַטעס (...איין לאַטע אויף דער ברוסט און די צווייטע אויף דער פּלייצע — זע „ווילנער געטאָ" זייט 13 — קאַפּיטל „גזירות און לאַטעס"), גענומען אַ שטעקן און איז אַוועק צום רעפֿערענט פֿאַר יידישע ענינים מ ו ר ע ר אָפּצושרייען די גזירות. דער שטורמיסט ביי דער טיר האָט אים נישט אַריינגעלאָזט. געהייסן וואַרטן אויף די טרעפּ. אין אַ שעה אַרום איז אַרויסגעקומען מורער.

„דער זקן איז צוגעגאַנגען נענטער, זיך פֿאָרגעשטעלט ווער ער איז און דערציילט דעם נייעם הערשער וועגן די גרויסע עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן לגבי די יידן. מורער האָט נישט געענטפֿערט קיין וואָרט. ווען דער זקן האָט גערעדט האָט ער אַרויפֿגעצויגן אויף דער האַנט אַ ווייסע הענטשקע און וויגאָדסקין א ר א פּ ג ע ש ל י י ד ע ר ט פֿון אַלע טרעפּ.

„דער זקן האָט זיך קוים אויפֿגעהויבן, זיך אַרומגעווישט דאָס בלוט און מיטן ברוק, ווי אַלע יידן, זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים. ער איז געגאַנגען דורך מיצקעוויטש־גאַס. ס'איז געווען דעמאָלט ווען עס איז אַרויס דער געזעץ, אַז די הויפּט־גאַסן זענען פֿאַרווערט פֿאַר יידן. עס איז גלייך אויסגעוואַקסן אַ כאַפּער און אים אַ נעם געטאָן.

„צופּעליק האָט עס באַמערקט אַ נישט־יידישער פּראָפֿעסאָר, ער האָט אויסגעקויפֿט דעם זקן און אים געבראַכט אַהיים.

פֿון דעמאָלט אָן איז שוין דער אַלטער כלל־טוער נישט אַרויס פֿון שטוב ביז איינמאָל איז געקומען צו זיין שטוב אַ טאַקסי. מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פֿון בעט און אַוועקגעפֿירט אין דער לוקישקער טורמע.

„מיין פֿרוי (סוקצעווערס פֿרוי — באַמערקונג פֿון י.ח.ק.) האָט אים געזען אין טורמע. אַ חודש לאַנג האָט אים שווייננבערג (געסטאַפּאָ־אָפֿיציר און טרויעריק באַרימטער מאַסן־מערדער — זע קאַפּיטל „כאַפּונעס") געמאַטערט. צ' וויגאָדסקין אין קאַמער האָט ער אַריינגעוואָרפֿן מתים. די יידן, אָנגעכאַפּטע פֿון פֿאַרשיידענע פּראָוואָקאַציעס, האָבן זיך געצויגן צו דעם זקן און געמאָנט ביי אים אַ טרייסט. וויגאָדסקי האָט געמונטערט די פֿאַרמשפּטע. איטלעכן האָט ער געהייסן צערייסן זיין געלט און אַריינוואַרפֿן אין אָפּטריט, אויך דאָס גאָלד און צירונג, כדי עס זאָל נישט אַריינפֿאַלן אין די מערדערישע הענט. ער האָט גערעדט מען זאָל רואיק אויפֿנעמען דעם טויט, אַזוי ווי אונזערע זיידעס אויף קידוש־השם." (זייטן 17־18־19).

איז נאָך עפּעס דאָ געבליבן אָרט פֿאַר קאָמענטאַרן? איז די דאָזיקע

פשוסטע שילדערונג פון א טרויעריקן פאקט אפשר מיט איין איבעריק אדער סענטימענטאל ווארט באפוצט געווארן דורכן מחבר? ניין. אבער גראד ביי אזא טרוקענעם איבערגעבן פון פאקטן וואקסט ארויס די אייביקע מארטירער געשטאלט פון דעם 85 יאר אלטן דר. יעקב וויגאדסקי ז"ל.

און ווען מיר זעען ווי א באגאסענער פון זיין אייגן בלוט קייקלט ער זיך איבער שטיגן און ארויסצוצו שטייט דער דייטשישער שייגעץ דער טמאה' דיקער נפש, דער 30 יאריקער מערדער מורער און פון זיין ווייסער הענטשקע טריפט דעם 85 יאריקן מארטירערס בלוט, — ווערט אונזער בלוט פאר צארן און ווייטיק פארגליווערט אין יעדן יידנס אדערן.

און ווי גרויס זיינען די נשמות פון אונזערע זקנים אין וועמענס תפיסה־קאמער מען ווארפט אריין געהרגטע יידן און ער פארלירט נישט זיין טרייסט ווארט פאר די וואס לעבן נאך ארום אים און הייסט זיי זיין געריייניקט דורך נישט איבערגעבן זייערע ווערט זאכן דעם שונא, נאר צערייסן פארניכטן זאלן זיי דאס פארן דערגרייכן דעם וועג פון קידוש־השם.

אט איז וואס דער יידישער קינסטלער דארף דער וועלט אנטקעגן־טראגן אויף זיין לייוונט און דער יידישער טאטע מוז דאס מוסר זיין זיין קינד, זיין יידישן קינד...

(פארזעצונג אין קומנדיקן נומער.)

# אלגא סומך-פיליפס

## עימי לעווי

ענגליש-יידישע דיכטערין און נאוועליסטין 1861-1889

עימי לעווי איז געבוירן געווארן אין קלאפהאם, דרום־לאנדאן, אין יאר 1861. זי איז געווען די צווייטע טאכטער פון לואיס לעווי און זיין פרוי איזאבעלא (לעווין).

אנגעהויבן צו דיכטן האט זי זער פרי, ארויסווייזנדיג טאלענט ווען זי איז אלט געווען קארגע אכט יאר. איר שעפערישקייט איז כסדר געשטיגן איידער זי האט נאך דערגרייכט צו די צוואנציקער יארן אירע, און איז באשטאנען פון א ריי לידער, עסייען, טעאטער־שטיקער און נאוועלן, וואס יעדע שפעטערע שאפונג איז תמיד געווען א שריט פארויס אין קרעפטיקייט און באטייטונג לגבי די פריערדיקע.

אין יאר 1878 האט זיך די פאמיליע אירע אריבערגעצויגן קיין ברייטאן, וואו זי איז געגאנגען אין דער גימנאזיע.

א גאר גרויסע דערגרייכונג פאר אט דעם יונגען מיידל איז געווען איר



שאפונג „קסאנטיפע“ — א פארטיידיקונג אויף סאקראטוסעס ווייב, וועלכע האט זיך איינגעקויפט אזא מיאוסן שם אין דער וועלט. אט די זאך האט עימי דערגרייכט בעת זי איז נאך געווען א גימנאזיסטין.

במשך די צוויי יאר, וואס זי האט שטודירט אין גירטאן קאלעדזש, קיימברידזש, האט זיך זער פיל אפגעגעבן מיט לייענען און שרייבן, און אפילו פארנאכלעסיקט די איר פארגעשריבענע סעריע שטודיען. דער ערשטער סעמעסטער איז געווען אונטערן רושם פון אירס א נאוועלע, „קסאנטיפע“ און אויך אנדערע שאפונגען, וועלכע זענען פארעפנטלעכט געווארן.

אפזייענדיק א גאנצן ווינטער אין דרעזדן, האט זי זיך אומגעקערט קיין לאנדאן און זיך פארנומען מיט אונטעררוכט און שרייבן; האט פארעפנט־לעכט דריי בענד פאעזיע פון אנגעזעענעם ליטערארישן שארם. ווי א רויטער פאדעם ציט זיך דורך זיי עפעס א טרויעריקע בענקשאפט, וואס שפיגלט מן־הסתם אפ איר לעבנס־געשיכטע.

דעם דיכטער שטענצלס שאפונגען זענען פארגליכן געווארן מיט עימיס בעסטע פאעמעס, אן ספק צוליב זייער עקסטרעמער סענסיטיוויקייט.

איר ערשטע גרויסע דערציילונג „דער ראמאן פון א געוועלב“ און די נאוועלע „מיס מערעדיטה“ האבן איר געבראכט דערפאלג נאך אן איבער־ווינטערן אין פלארענץ. איטאליען.

דאס לעצטע ווערק אירס, „ראובן זאקס“, איז וואס אינטערעסירט אונז דא אממערסטן — פארעפנטלעכט אין 1888 — און דאס באקאנטסטע און צוגענגלעכסטע פון אלע אירע שאפונגען הגם א יקר־המציאות היינט צו־טאג.

עס איז א בילד פונם ענגלישן יידנטום אין איר צייט און נישט קיין גאנצער קאמפלימענט פאר איר קרייז. ווער עס האט געפארשט דאס לעבן פון דער „קאמיוניטי“, ווי דאס לאנדאנער יידנטום האט זיך דעמלט גערופן, דער וועט נישט קענען אפלייקענען עימי לעווים באשולדיקונגען. מעידא־ווייל, בעיסוואטער און קענזינגטאן פעלס-גארדנס, אלע האבן זיי געקוקט פון אויבן אראפ איינס אויפן אנדערן.

דער שרייבער פונם ארטיקל איבער עימי לעווי, אין דער „רזשואיש ענסייקלאפידיא“, באדויערט וואס איר בילדלעך־רעאליסטיש בוך דריקט אויס אזא באגרעניצטן בליק אויף איר פאלק. מען מוז אבער צוגעבן, אז אירע פארטרעטירונגען פון די פאמיליען-צוזאמענקונפטן מיט קארטן־שפילן, די חטאים פון אירע טיפן און אנדערע אספעקטן, זענען געווען דורכאוים באַ־קאנטע פאלן.

אלס אן ענגליש־יידישע טאכטער, פארפיינערטע פערזאן מיט גרויסער בילדונג, האט זי זיך אפגעגעבן א קלארן דין־וחשבון וואס שייך די ערנסטע פעלערן פון דער יידישער פלוטאקראטיע. אט זענען אייניקע כאראקטערים־טישע שטעלן פון איר „ראובן זאקס“: —

„אמת זי איז געווען א שיינע; פון אן אנדער שטאנדפונקט אבער האט

זי, פאַרהעלטניסמעסיק, נישט געהאַט קיין ירושה און דער יידישער יונגערמאַן מיט וועמען מען וואָלט געקענט חתונה־האָבן,, ווי אסתר פלעגט אָפט זיך אויסדריקן, איז געווען נאָך זעלטענער ווי דער קריסטלעכער. נאָר חתונה האָבן מיט אַ גוי האָט אפילו נישט געקאָנט קומען אין אָנבאַטראַכט, ווייל מר. לוינינגער, הגם אַליין כמעט אומרעליגיעז, וואָלט זיך אַנטשידן אַנטקייגן געשטעלט אַזאַ מעגלעכקייט ; עס וואָלט אים פשוט נישט אָנגעשטאַנען. ער איז אייגנטלעך נישט געווען קיין גרויסער מקפיד אויף מנהגים און צערעמאָניעס, בלויז כל־זמן דער אַלטער סאָלאָמאָן האָט געלעבט איז נויטיק געווען דאָך אָפּצוהיטן עפּעס אַ מנהג. אַלץ וואָס האָט זיך געפאָדערט, איז געווען חתונה צו האָבן מיט אַ ייד און צו קומען צו קבורה אויפן בית־עלמין אין ווילעסדען אָדער אין באָלס־פּאָנד, דאָס איבריקע האָט שוין נישט אויסגעמאַכט. אַ חוץ איר פעטערס מיינונגען זענען אסתרס שאַנסן סײַ ווי געווען גאַנץ קליינע צו הייראַטן מיט אַ נישט-ייד.

פאַרשטייט זיך, אַז די לוינינגערס האָבן געהאַט זייערע גויאישע באַקאַנטשאַפטן, בעיקר צווישן די אויפגעקומענע עשירים, די וואָס האָבן זיך כמו געהאַלטן מיט דער מאָדע, צו וועמען זיי פלעגן קומען אויף בעלער און שמחות קיין סאַאוטה קענזינגטאָן און בעיסוואָטער. זייערע געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן אָבער און הויפּט אינטערעסן זענען געווען אינערהאַלב דעם שבט.

אַלס יידישע יידן האָבן סאָלאָמאָן זאַקס און זיין פרוי זיך געהאַלטן, אָבער די יונגערע מיטגלידער פון דער משפחה האָבן זיך שוין נישט געהאַלטן אין דער סאַדזעווקע פונם שבט, נאָר האָבן געזוכט צו שווימען אין די טיפערע וואַסערן פון דער ענגלישער געזעלשאַפט, נישט אין גאַנצן אָן דער הסכמה פון זייערע עלטערן."

דעם 10־טן סעפטעמבער 1889 איז עימי לעווי געשטאָרבן, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אַ מעשה אָנגעטון אין ענדסלי־גאַרדנס, קענזינגטאָן, ביי אירע עלטערן אין דער היים.

גרויסע עצבות, און אַ טויבקייט, וואָס האָט איר געדראָט, האָט דערפירט דערצו זי זאָל נישט קענען געניסן די פרייד פון לעבן, און האָבן גורם געווען אָט דעם טראַגישן סוף פון יונגען לעבן, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט.

## „שווער צו זיין א ייד“ פון שלום עליכם

(אויפגעפירט אין „נייעם יידישן טעאַטער“ אין אַדלער סטריט)

די צוויי יידישע טעאַטערס, אין גרענד־פּאַליי אָנגעפירט פון מאַרק מאַרקאָוו, און אין אַדלער סטריט אונטער דער לייטונג פון אַ. מייזלס, געהערן צו די ליכט־פונקען אין אונזער פאַרנעפּלטן יידישן לעבן דאָ אין לאָנדאָן. נישט געקוקט אויף וואָסער פלאַכן קינסטלערישן און קולטורעלן מצב זיי זאָלן נישט שטיין, באַווייזן זיי דאָך אַלץ, אַז די „פּאָרענערס“ (פרעמדע) פון מזרח־



אייראָפּע, פון יידיש־לאַנד“, זיינען נישט אַהערגעקומען מיט ליידיקע הענט. עמיגראַנטן פון אַנדערע פעלקער, רייכערע פון אונז, מיט שטאַרקע מלוכות אונטער זיך, מיט קולטור־און קונסט־בודזשעטן, זיינען ווייטער ווי צו אייגענע רעסטאָראַנען, „באַרס“ און נאַכט־קלובן נישט דערגאַנגען.

און אויב די ביידע יידישע טעאַטערס זינען ביידע נישט מער ווי אָפּערעטן־האַפטע פאָלקס טעאַטערס, ד.ה. זיי זיינען ביידע בלויז צוגעשניטן פאַר די באַדערפענישן און השגות פון עמך איז עס ווידער נאָר אַ צווייטער באַווייז און אָן איבערצייגן זיך : אַז נאָר די יידישע מאַסע, דער האָרעפּאַשניער, עמך־מענטש, האָט מער חוש און צוגעבונדנקייט צו די אוצרות פון זיין פאָלק, ווי דער אַזוינגערופענער אינטעלעגענט, כביכול. דער האָרעפּאַשניק האָט זיך זיינע גראָבע השגות און ער האַלט זיי טייער,—פאַר זיין אַבערגלויבן אפילו איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין ! — ער האָט זיך זיינע פּראָסטע הנאות און ער לאָזט זיך קאָסטן פאַר זיי ; ער איז ער, ער אי „עמך“ — ער איז דאָס פאָלק ! בשעת דער „אינטעלעגענט“, מישטיינסגעזאָגט, מיט זיינע געהויבענע השגות און קרענקלעכע הנאות, יאָגנדיק זיך נאָכן אַראָפּגעפאַלענעם ביין פון אַ פרעמדן טיש, פאַרלירט ער זיין אייגענעם איך... און זיי די פאַרבליבענע מרה־שחורה'ניקעס ווילן נאָך אַנדערע איינרעדן, אַז זייער פאַרביטערטקייט שטאַמט פון פעסעמיזם !

פון צייט צו צייט אָבער שפּילן דאָך אונזערע טעאַטערס אָן ערנסט שטיק. אויב זיי טון עס נישט, דערפאַר ווייל ס'ווערט געפאָדערט פון זיי, — ווייל עס איז פשוט נישטאָ ווער ! — דער טעאַטער־גייער, דער שטענדיקער עולם, באַגנוגנט זיך מיט די לייכטע האָפּקעס, און די „אינטעלעגענץ“ — ברויך שוין קיין האָפּקעס אויך נישט ! — טון זיי עס פאַר זיך אַליין, ווייל זיי זיינען יידישע קינסטלער, ווייל זיי ווילן זיך דערפילן אין אַ גייסטיקער שעפערישער אַטמאָספערע, ווייל זיי זיינען עס שולדיק ווי אַ חוב זייער הייליקער עבודה — זיי זינען יידישע אַקטיאָרן !

איז געווען לעצטנס טאַקע — אַזאַ מין יום-טוב דאָ פאַר מיר אין יידישן פאָלקס־טעאַטער אין אַדלער סטריט. ביים אויפפירן „שווער צו זיין אַ ייד“ פון שלום עליכם. איך באַטאָן פאַר מיר, ווייל איך האָב קיינעם פון די יידישע שרייבער נישט געזען אין טעאַטער בשעת דער פאָרשטעלונג. אָבער הערט דען אויך צו זיין יום־טוב פאַר אַ פרומען ייד, ווען ער גייט אַרויס פון זיין יום־טובדיקער שטוב אין דער ווייטשעפּלער גאַס און די געוועלבער זיינען וואָכעדיק אָפן ?

און ווי רירנדיק איז געווען צו זען די הייליקע און ערנסטע שטימונג ביי יעדן איינעם פון די אַקטיאָרן, זייער דרך־ארץ און ליבשאַפט ביים אויספירן די קליינסטע ראָלע. ממש געשפּילט זיך מיט יעדער שפּילנדער האָלע !

פאַרוואָס אַ יידישע צייטונג געפינט נישט דאָס שטיקעלע פּלאַץ פאַר אַ רעצענזיע פון אַזאַ מין אויפפירונג, איז טאַקע אַ ביסל קשה ; נישט שוינזשע

האלט זי טאַקע מיט דעם מחבר פון יענעם אַרטיקל „דער נסיון פון געוויסן", אַז אונזער גאַנצע יידיש־קולטור איז טאַקע שוין קיין איין שניפּ־טאַבאַק נישט מער ווערט...?

באמת אַ שאָד, וואָס דער חשובער שרייבער פון דעם דערמאָנטן אַרטיקל איז ביי דער שלום־עליכם אויפפירונג — ווען אפילו אייליק אינסצענירט פון אַ. מייזעלס — נישט געווען — — — —

דער שרייבער וואָלט משיג געווען, פאַרוואָס אונזער מאָדערנע יידישע קולטור און אירע שאַפונגען וועלן קיינמאָל נישט אונטערגיין! ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז עכטע און גרויסע יידישע שאַפונג איז נישט אויסגעלערנטער אייראָפּעאישער דרייגאָרנדיקער רעאַליזם אין וועלכן מ'לייגט אַריין אַ חוזקל איבער יידן און יידישקייט.. מאָדערנע יידישע שאַפונג; יידיש-אייראָפּעאישן שאַפן איז קענען אַריינלייגן אין אַ קליינעם קאָמישן עפּעהט, — זאָל ער זיין אפילו אַ מאָליערישער! — אייביקע יידישע עפּיק, יידישלעכע רעאַליטעט; יידיש צאַפּלדיק לעבן יידישע קאָמפּלעקס ליגט אינעווייניק, ווי אין אַ שאָל פון אַ נוס, יאָדרעדיק קאָמפּאַקט און זאַפטיק האָפּערדיק!

א.נ.ש.

## אליהו פּאַלושאַק
## צו דער אויפפירונג פון „לַמֶך" אין גרענד פּאַליי

עס איז באמת נויטווענדיק, אַז פון צייט צו צייט זאָלן ווערן פאַרשטאַלטעט ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן, וואָס זאָלן אַרומנעמען און פּאַראינטערעסירן ווייטערע קרייזן פונם יידיש-רעדנדיקן פּובליקום און ליבהאָבער פון יידישע ליטעראַטור און קונסט. עס איז נויטיק און עס איז צייט, אַז די שאַפונגען פון אונזערע דיכטער און דערציילער דאָ אין לאַנד זאָלן קומען צום אויסדרוק נישט נאָר אין קליינעם צירקעל ביי אַ גלעזעל טיי אָדער אינם לייען־זאַל, נאָר אויך אויפן ברייטן פּאָדיום פון אַ טעאַטער פאַר אַ גרויסן עולם. דאַריבער איז צו באַגריסן די אונטערנעמונג פון דעם לַמֶך־אָוונט, פאַראַנשטאַלטעט פונם בן־א. סאָכאַטשעווסקי־קאָמיטעט אינם „גרענד־פּאַליי", דעם 20-טן דעצעמבער 1945.

כאָטש עס איז געוון אַ פּשוטער דאָנערשטיק און דערצו נאָך אַ פּאָר טעג פאַר קריסטמאַס, איז דער טעאַטער־זאַל געווען זייער שטאַרק באַזעצט. שטאַרק פאַרטרעטן איז געווען די יידישע אינטעליגענץ פון אַלע טיילן פון לאָנדאָן.

נאָך אַ וואַרימער באַגריסונג־רעדע פונם פּאָרזיצער פונם קאָמיטעט: רעדאַקטאָר פון דער „צייט" הערשי מייער, וואו ער גיט אַ קורצע כאַראַקטעריזירונג פון „לַמֶך", דעקלאַמירט ל. בעלקין צוויי פאַרשיידענע קאַפּיטלעך פון „לַמֶך". יהודה צבי גאָלדשטיין האָט מיט פיל געפיל געזונגען „לַמֶך'ס תפילות". די אַפּלאָדיסמענטן פונם פּובליקום האָבן זיי פאַרדינט.



אמתע לעבעדיקייט האָט אָנגעהויבן צו הערשן אין טעאַטער, ווען ס'האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג פאַר „לַמֶך", אַ שפּיל אין צוויי אַקטן פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי. עס קומט דעם דיכטער באַשטימט אַ יישר כח, וואָס ער האָט זיך גענעבן די מי אַ טייל פון „לַמֶך" צו דראַמאַטיזירן, אָדער בעסער געזאָגט צו סצעניזירן. די בינע איז געוואָרן אויס בינע — זי איז געוואָרן אַ שטיק יידיש־לאָנדאָן אין ווייטשעפּל. דער הויפּט־העלד איז ער לַמֶך; אַ ווייטשעפּלער פּאַרשוין, „אַן אידעאַליסט, אַ גאַנצער פּולבלוטיקער ייד און אַ גאַנצער מענטש". ווי דער דיכטער דריקט זיך אויס איבער אים אין דער הקדמה. ער איז אומעטום דאָ, וואו ס'איז דאָ יידיש לעבן, יידישער צער און יידישער ווייטיק. אומעטום וויל ער העלפן, אומעטום וויל ער אויפבויען אָדער צושטערן, כדי ניי און ערלעך, אויפצובויען. יאָ, אומעטום איז ער גרייט צו העלפן, אָבער נישט אינדערהיים. אינדערהיים הערשט החקות און נויט. דאָס ווייב האָט נישט וואָס צו שטעלן אויפן טיש, זי האָט אויך נישט קיין לייטיש מלבוש און אַ בוגרות איז דאָ חתונה צו מאַכן, אָבער... דאָס זענען קלייניקייטן פאַר לַמֶך'ן. לַמֶך, דער אידעאַליסט, דער פאַנטאַזיאָר, דער בעל חלומות זעט נאָר דאָס גרויסע, דאָס געמיינזאַמע, דעם כלל. און עס איז נאַטירלעך, אַז דאָרט, וואו ס'איז דאָ אַ מין דאָן־קיכאָט, איז אויך דאָ אַ סאַנכאַ פּאַנשאַ, דער טרוקענער פּשוטער רעאַליסט, און דאָס איז אין דעם דאָזיקן שפּיל: לַמֶך'ס ווייב ציפּע, וואָס זעט אַלץ אַרום איר רעאַל און וואָכעדיק. ציפּע איז פרוי און מוטער. איר רעאַליזם איז באַרעכטיקט. פון לַמֶך'ס חלומות קען זי אַ פאַמיליען־לעבן נישט אויפבויען און נישט דערהאַלטן. עס קומט צו קריגערייען, צו מחלוקות. דאָס גאַנצע פאַמיליען-לעבן האָט צו ליידן פון לַמֶך'ס וועלט-פרעמדקייט, פון זיין מסירת נפש פאַרן כלל.

און איז לַמֶך, הויפּט־העלד, איז ציפּע די הויפּט־העלדין, איז זייער טאָכטער עני, דער סעקרעטאַר, די קאָנפערענץ־דעלעגירטע און בר־קיפּוק — זיי זענען נאָר סטאַטיסטן. און סטאַטיסטן זענען אויך דאָס גאַנצע פּובליקום אינם זאַל. דאָס שפּיל „לַמֶך" ווירקט לעבעדיק און דאָס פּובליקום האָט זיך געפילט, זייענדיק אַ שטיק פונם שפּיל, וואָס גייט פאָר אויף דער בינע.

יידל גאָלדבערג, דער באַקאַנטער אַקטיאָר האָט געשפּילט די הויפּטראָלע, און מען מוז זאָגן, אַז ער איז געווען דער נאַטירלעכסטער לַמֶך. סיי אין דיאַלאָג, און סיי אין באַוועגונגען — אומעטום האָט ער ערלעך אויסגעדריקט גייסט און טעמפּעראַמענט פון לַמֶך, דעם „פול־בלוטיקן ייד און גאַנצן מענטש". און ער איז געוואָרן פרעכטיק סעקונדירט פון שרה פרידלענדער, גאָרנישט אַ פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילערין, נאָר אַ פּשוטע אַמאַטאָרקע. זי האָט געטריי געשפּילט די באַקאַנטע יידישע מאַמע מיט אירע טאָג־טעגלעכע דאגות און קאָפּצוברעכענישן. אַ נחת רוח איז אויך געווען איר שטימלעך ריינע אויסשפּראַך. ס'איז אַ פאַרגעניגן צו הערן אויף דער בינע אַ שיינעם קלאַנג פון אונזער יידיש־לשון. עני, לַמֶך'ס און ציפּעס טאָכטער (געשפּילט פון פרוי



דער אַקטיאָר יודל גאָלדבערג אַלס „למך“ געצייכנט פון מאָרים סאָכאַטשעווסקי

פייגעלע פייערשטיין), איזידאָר בלעקער אַלס סעקרעטאַר אויף דער קאָנפערענץ, די קאָנפערענץ־דעלעגירטע און נעט רובין אַלס בר-קיפוק — זיי אַלע צוזאַמען מיט די הויפּטשפּילער האָבן געווירקט ווי אַ גאַנצקייט.

עס לוינט זיך צו באַמערקן, אַז נעט רובין אַלס בר־קיפּוק איז אויסערלעך געווען אַ ביסל צו מאָדערן. אַ רוימישע טאָגע אָדער אַ געשטרייפטע פלאַכטע פונם האַלז ביז צו זיינע קנעכל וואָלט באַשטימט געווירקט נאַטירלעכער און מאַלערישער. אפשר אַן אנדערש מאָל....

דער עולם האָט נישט געקאַרגט מיט אַפּלאָדיסמענטן. ס'איז געווען אַ שטיקל יום־טוב אין דערוואַכן.



# דריי נפטרים

## דער טשיף ראַביי ד״ר יוסף הערץ ע״ה

אונזער איינער האָט נישט דעם געהעריקן צוגאַנג צו אַ זעלכע מיני פּערזענלעכקייטן ווי טשיף־ראַביי. פאַר אונז מישט זיך דער באַגריף צופּיל מיט „קאַזשאָנע־ראַבינערס“, וואָס זייער גאַנצער אויטאָריטעט האָט נאָר געגאָלטן לגבי חוץ, אָבער נישט דער מרא דאתרא. אָבער דר. הערץ, ווי עס שיינט איז דאָך געווען די פּילזייטיקע פּערזענלעכקייט, וועלכער האָט באַשיינט דאָ דאָס ענגלישע יידנטום מיט זיין יידישער אויטאָריטעט און מענטשלעכן כאַראַקטער. אויך צו יידיש, וואָס ער האָט גוט געקענט, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדניש. בלויז נאָר צו דערמאָנען, אַז ער איז גרייט געווען צו באַטייליקן זיך אין די קאָסטן פאַר דער יידיש־קאַטעדרע אויפן לאָנדאָנער אוניווערזיטעט אַלס פּערמאַנענטע, מיט פּראָפעסאָר שלמה בירנבוים און יוסף לעפטאָוויטש, ערב דער איצטיקער מלחמה, וועלכע איז נעפלאַנט געוואָרן פון איקוף, בשעתו. כאַראַקטעריסטיש איז אויך געווען זיין וואַרעמע באַציאונג צו פּראָפעסאָר שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער בנוגע די פאַרברידערונג מיטן סאָוויעטישן יידנטום.

עס איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַרן ענגלישן יידנטום! ווייל דער מזרח־אייראָפּע, וואו אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען ראוי געוואָרן צו פאַרנעמען אַזאַ בכבודיקן פּלאַץ אין יידנטום זיינען געבוירן געוואָרן, איז לײדער מער נישטאָ.

דער פאַרלוסט איז באַזונדערס גרויס, וואָס דר. הערץ איז גראָד אַוועקגעגאַנגען פונקט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך געגרייט צו דערשיינען פאַר דער ענגליש־אַמעריקאַנער ארץ ישראל קאָמיסיע; ווייל לגבי חוץ איז ער דאָך באמת געווען די יידיש-ענגלישע רעפּרעזענטאַנט, זיינעדיק אַ גייסטיק יידישע פּערזענלעכקייט און אַן ענערגיש מענטשלעכער כאַראַקטער. עס מאַכט דאָך נישט קיין זער טיפן איינדרוק, ווען דער פאָרשטעער פון רעליגיעזן יידנטום אין ענגלאַנד, אפילו לגבי חוץ, איז אַ יינגער מענטש, וואָס פעלט אים אי דער הדרת־פּנים און גייסטיקער כוח פונם היימישן תלמיד-חכם און מרא־דאתרא, וואָס האָט נאָך סוף כל סוף די רעמבראַנדישע פּאַטריכאַלע ווירקונג אפילו אויפן קריסטלעכן וועסט־אייראָפּעער און אי דעם רעפּרעזענטאַבלען און דעם גייסטלעכן איינדרוק פון אַ דר. הערץ ע״ה.

אַן אויספירלעך אַרטיקל איבער דר. הערץ, אין קומענדיקן העפטל פונם באַקאַנטן זשורנאַליסט שלמה גאָלדענבערג.

## הרב והדרשן ר׳ משה שמואל ראבינאוויטש ע״ה

דער באוואוסטער ווייטשעפלער מגיד הרב ראבינאוויטש, פון ווײַנקאַרט־שול, איז געווען אַ שם ידועה ביי אונז דאָ אין יידישן קבוץ. איבער 44 יאָר האָט ער געמוסרט מיט שיינע משלים און מעשות מיט דעם באַקאַנטן מגידישן ניגון פון אונזערע היימישע שטעטלדיקע מגידים. ער האָט זיך אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט יידישער קולטור און אָפט זיך באַטייליקט אין ווייטשעפּלער עונג שבתים. מיט דעם מין דרשנים גייט מיטאַוועק אַ שטיק יידישע טראַדיציע פונם היימישן שטעטל — חבל על דאבדין!

## רעוו. חזן ה. מייעראָוויטש ע״ה

מיטן טויט פון דעם זער באַליבטן און חשובן חזן פון דער גרויסער דיוקס־פּליים־סינאַגאָגע רעוו. ה. מייעראָוויטש האָט ווייטשעפּל פאַרלוירן איינעם פון זיינע שענסטע פערזענלעכקייטן. ער איז געווען אַ גייסטרייכער ייד און אַ גרויסער עסקן בצרכי־ציבור און זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט יידישער קולטור. מייעראָוויטש ע״ה, וועלכער איז געווען אַ מאָדערנער חזן און אַ פאַכמאַן אין יידישער און בעיקר אין ליטורגישער מוזיק און האָט אויך אַליין געשריבן קאָמפּאָזיציעס, פלעגט זיך אָפט באַטייליקן אין אונזערע יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס מיט וויכטיקע מוזיק־רעפעראַטן און אויך אָפט מהנה געווען דעם עולם מיט זיין איידעלן קול נגינה. כבוד זיין אָנדענקען.

ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

אין קינגס האָל, 83, קאָמערשל רויד, א.1. — 3 אַ זייגער בייטאָג

שבת, דעם 2טן פעברואַר, וועט דער אַקטיאָר יודל גאָלדבערג געבן אַ וואָרט־קאָנצערט.

שבת, דעם 9־טן, וועט דר. טענענהויז האַלטן אַ רעפעראַט איבער מענדעלסאָן בערטאָלד.

שבת, דעם 16־טן, וועט פּוילאַ לעסמאַן האַלטן אַ רעפעראַט איבער דער יידן־פראַגע

שבת, דעם 22־טן, וועט מ. מינדל האַלטן אַ רעפעראַט איבער מענדעלעס טאַקסע.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאַוועל סטריט, א.1.

פרייז 1/-

---

74

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

זעקסטער יאָרגאַנג. לאָנדאָן, אַפּריל 1946. נומער 3 (העפטל 75)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

לשון און לעבן •• . . . . . 1
דער גערטנער היט (פּאָעמע) ה. לייוויק . . 3
ערב פרילינג (לידער) יעקב שמואל טויבש . 5
פרילינג־ליד (ליד) דוד זיידנפעלד. . . 6
דו (געדיכט) אברהם פנחס ציקערט . . 7
איך בין דער שפיגל (דערציילונג) משה עובד . . 8
ספר טוביה (המשך) . . . . . 12
חד גדיא (באַלאַדע און ציטלידער) א. נ. שטענצל . 19
מאַמע (דערציילונג) אברהם פנחס ציקערט . 25
אַ בריף פון א. פּ. ציקערט . . . . 31
אין דיזראַעלי׳ס שאָטן (אַ בילד פון נאָרד־לאָנדאָן)
אָלגאַ סומך פיליפּס . . . 33
אינסטינקט און היימישקייט (עסיי) נחום שטענצל . 37
אין די דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן (אַ קולטור־איבערבליק)
ש. י. דאָרפזאָן. . . . 39
האָפנונג און שרעק (פּרץ דער קעמפער) צו דער 31־טער יאָרצייט פון
י. ל. פּרץ אליהו פּאָלושאַק . . 42
אַ בילאַנס פון יידישן פאָלקס־מצב נ. צ. . . . 46
אַ שפּאַציר איבער ידישע קונסט אויסשטעלונגען און יידישע טעאַטערס:
(עסיי און איבערבליק) א. נ. ש. . . . 48
פון יידישן פאָלקס־מויל שלמה גאָלדנבערג 59
ידישע קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ . . 62
אונזערע קולטור ידיעות דאָ . . . . 63
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס . . . 64

פרייז 1 שילינג

אבאנאמענט פאר א יאר — 1 גינע

אַדרעס פון רעדאַקציע

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*